זיבעצענטער יאָהרגאַנג
№ 2

פרייז 20 גראָשען. „CZENSTOCHOWER GAJTUNG".

טשענסטאָכאָווער צייטונג

Piątek 14 stycznia 1938 | ליכט-צינדען 3.24 | פרייטאג פ' בשלח י"ב שבט תרצ"ח

Bibljot. Jagiellońska
Kraków
św. Anny 19

אונזער ג' וויצע-פרעזעס ה' **יצחק שטראַסבורג** און פרוי
צו דער חתונה פון זייער ליעבע טאָכטער **הענדיל** מיט ה' **דוד שטאַהל**
ווינשט, אז זיי זאָלען דערלעבען פון זיי פיעל נחת
צענטראַלער קליינהענדלער-פערבאַנד אין פוילען
אָבטיילונג אין טשענסטאָכאָוו.

א הארציגען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער פערוואַלטונגס-מיטגליד ה' **יצחק שטראַסבורג** צו דער חתונה פון זיין טאָכטער **הענדיל** מיט ה' **דוד שטאַהל.** דעם יונגען פאָר א בליהענדע צוקונפט.
די פערוואַלטונג פון „בית לחם" אין טשענסטאָכאָוו.

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר דעם ה' **יוסף בולווא** און פרוי
צוליעב'ן געבורט פון זייער **טעכטערל**
זאָל עס אייך גרינג ערצויגען ווערען און איהר זאָלט דערלעבען פיעל נחת.
פאַמיליע בזאָסקי און דאס פערסאָנאַל.

לחברי ורעי **שמשון שטינהרט**
לאירוסיו את **צשא שיה**
את ברכתי הנלבבה
שלמה פיגנבום.

צו דער חתונה פון פרל.
זאָשא ראָזענמאַן מיט ה' **ה. מ. שפיגלער**
א הארציגען מזל-טוב און אייביגע צופרידענהייט ווינשען
חיים גאָטיינער און פרוי

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער
פריינד **אפרים מאָשקאָוויטש** צו-דער
חתונה מיט פריילין **מאָכע שטייניץ**
געברידער מענדלעוויטץ.

וויכטיג פאר שניידער און שניידערינס

דער בעוואוסטער צושניידער אינסטרוקטאָר

ה. ל. גאָלדשטיין

אָנפיהרענדיג מיט א צו-שניידער-קורס, איינגעאָר-דענט דורכ'ן „אָרט" - קאָמיטעט ווילט דאָ א קורצע צייט און לערנט די

נייע צושניידעריי-קונסט: צושניידען, בעאַרבייטען מאָדעלירען און צייכענען,

שטרענג-וויסענשאַפטליכע בעגרינדונג

א ספעציעלער קורס פאר מיליטערישע שניידער.

פעראינטערעסירטע קענען זיך ווענדען אין לאָקאַל פון האַנדווערקער-פערבאַנד
געדענקט, אַז נאָר אויף א קורצע צייט. — דיפל. אינסטר. ה. ל. גאָלדשטיין

די מיטשותפים פון דער פירמע „ווידלאָראַם", **געברידער פרידמאַן**
צוליעב'ן טויט פון זייער ברודער

יעקב נ"ע

דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל
יחזקאל בערקאָוויטש, משה בערקאָוויטש.

BRACIOM FRYDMAN, współwłaścicielom firmy „Widłoram"
z powodu zgonu brata Ich

b. p. JAKUBA

wyraża najgłębsze współczucie
Firma „KRAIN i FESSER"
w Częstochowie.

מיר נעמען אנטייל אין צער פון אונזער שכן **פנחס בראָון**
צוליעב'ן טויט פון זיין

פאָטער נ"ע

און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל
פאַמיליע קאַפלאַן, פאַמיליע נאַבעמיא.

רגשי נחומים לחברתי הביתריה **חנה פייפער** באסונה הגדול במות עליה

אביה ע"ה

בעבודה הביתרית תנחם.
יוסף צימרמן ומשה שייקוביץ.

Koleżance naszej, JANI BIBERÓWNIE z powodu zgonu

Jej OJCA

wyrazy szczerego współczucia składają
wychowawca, koleżanki i koledzy kl. I-a Gimn. Tow. Żyd. Szkół. Śred. i Powsz.

מרכז דתי-תרבותי ע"י בית-הכנסת החדש
יודאאיסטישער צענטער ביי דער נייער שוהל.
זונטאָג, ד. 16 יאַנואַר ד. י. 5.30 נאכמיטאָג
וועט **פראָפ. דר. מ. באַלאַבאַן**
רעפערירען א. ד. ט.:
„פון יבנה ביז'ן הר-הצופים"
2000 יאָהר יודישע קולטור.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA

„KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2.

צום פריהלינג-סעזאָן
מיר נעמען אָן צו וואשען **קראַגענס** מיט לאנג - דויערענדע שפיגעל-גלאַנץ ווי אויך **כעמיש** צו רייניגען און צו פארבען אלערארט קליידונג. גארדינען צו וואשען און צו שפאנען.
ספעציאַליטעט: 1) פארבען לעדערנע קורטקעס
2) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואשען).
אכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן אָרט
ס'ווערען אויך אָנגענומען מאגאזין-העמדער צום פרעסען
אלץ צו ביליגע פרייזען.

SZKOŁA TAŃCÓW

baletm. Kosteckiego

w lokalu własnym
ul. Waszyngtona № 6.
Zapisy na lekcje kompletowe i pojedyncze.
codziennie od 10—21

אכטונג: שבת, ד. 15 יאנואר אין יעדען
שבת פראַקטישע לעקציע
פאר יודישער געזעלשאפט.
אנהויב 8 אָוועגד. — ערשטקלאסיגע מוזיק.

די פאַמיליעס שמולעוויטש און דונסקי
צוליעב'ן טויט פון זייער אונפערגעסליכע מוטער

חיה באָום נ"ע

דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל
פייוויש אָלטמאַן און פרוי

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער גבאי
ר' **לייבל באָום** און **פאַמיליע** צוליעב'ן טויט פון
זיין אונפערגעסליכע פרוי

נ"ע חיה

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
גבאי אהרן לאָסמאַן און מתפללים
פון שטיבעל, אלעע וואָלנאַשטשי 15.

דער **פאַמיליע פרידמאַן**
צוליעב'ן טויט פון זייער זוהן און ברודער

יעקב נ"ע

דריקט אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל
מיכאַל רוזשעוויטש

אנו משתתפים בצער של אחותינו לדעה **חנה פיפר**
במות עלית אביה

שלמה נ"ע

בעבודתך למען רעיוננו תמצאו נחומים.
פלוגות „תקוה" ו„גדעון"
אצל קן בית"ר
בצינסטוכובה.

Naszej koleżance ANDZI FAJFER
z powodu zgonu ukochanego

OJCA Jej

wyrażamy najszczersze współczucie
Ezriel Jakubowicz, Jakób
Kartuz, Dadek Liberman.

אונזער שוואָגער און פריינד יודל און קלמן קאסריעל
צוליעב'ן טויט פון זייער שוועסטער

ליבע וועלגע ווייגבאַט נ"ע

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל אין זייער צער דריקען אויס
משה פערעצאָוויטש, פרוי און זוהן.

ITA NAJMAN SAMUEL BULWIK

ZARĘCZENI
Częstochowa w styczniu 1938 r. Poraj

צו דער תנאים פון אונזער ליעבע טאָכטער און שוועסטער
יטא מיט ה' **סאַמועל בולוויק**
די הארציגסטע ברכות
פאָטער און געשוויסטער.

אונזער ליעבע שוועסטער און שוועגערין **יטא**
צו איהר תנאים מיט ה' **סאַמועל בולוויק**
דעם הארציגסטען מזל-טוב און א בליהענדע גליקליכע צוקונפט ווינשען
גרשון גיימאַן און פרוי.

פיעל נחת ווינשען מיר אונזער ליבען פריינד ה' **שמעון ניימאַן**
צו דער פערלאָבונג פון זיין טאָכטער **יטא** מיט ה' **סאַמועל בולוויק**
דעם יונגען פאָר — א הארציגען מזל-טוב
ישעיהו מיסקע, נחמן מיסקע.

צו די תנאים פון פרל. **יטאַ ניימאַן** מיט ה' **סאַמועל בולוויק**
ווינשען מיר, דאס זייער מזל זאָל אויפבליהען ווי א שעהן צובליהטער בוים
סאָניע און שמעון ראָזענטאַל.

צו די תנאים פון פרל. **יטא ניימאַן** מיט ה' **סאַמועל בולוויק**
א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט, דעם פאָטער פיעל נחת ווינשען
נחמיה ראָזען און פרוי

Z intencji zaręczyn p. ITY NAJMANÓWNY z p. SAMUELEM BULWIKIEM, życzy dużo szczęścia i zadowolenia
RENA FRYDMANOWA.

Z intencji zaręczyn koleżanki naszej ITY NAJMANÓWNY z panem SAMUELEM BULWIKIEM składają serdeczne życzenia wszelkiej pomyślności
SAR \ i JANEK

מיין פריינדין
יטא ניימאַן צו איהר תנאים מיט ה' **סאַמועל בולוויק**
א הערצליכען מזל-טוב ווינשט
משה קויפמאַן.

אונזער פריינד ה' **שמעון ניימאַן** א הארציגען מזל-טוב און פיעל נחת ווינשען מיר צו
די תנאים פון זיין טאָכטער **יטא** מיט ה' **שמואל בולוויק.**
דעם יונגען פאָר — א בליהענדע צוקונפט
ישעיה גראָנעק און פרוי.

צו די תנאים פון פרל. **יטא ניימאַן** מיט ה' **סאַמועל בולוויק** א הארציגען מזל-טוב
דעם פאָטער פיעל נחת ווינשען
דוד פיליפאָוויטש און פרוי

א הארציגען מזל-טוב און פיעל נחת ווינשען מיר אונזער חשוב'ן פריינד ה' **שמעון ניימאַן**
צו דער תנאים פון זיין טאָכטער **יטא** מיט ה' **שמואל בולוויק** דעם יונגען פאָר א בליהענדע צוקונפט.
מ. ד. לעווקאָוויטש, ש. פראנק, ה. פיטעל, ש. בזשאָסקי, ש. וואַרשאַווסקי,
ד. גאָלדבערג, ש. שונדער, א. קאָפינסקי, א. וואָלסקי, קאלקע, ד. קרשעפיצקי.

א הארציגען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער לאַנגיעהריגען פריינד ה' **שמעון ניימאַן**
צו דער תנאים פון זיין טאָכטער **יטא** מיט ה' **סאַמועל בולוויק.**
דעם יונגען פאָר א בליהענדע צוקונפט.
מאיר אלטמאַן און פרוי, שמואל אלטמאַן און פרוי.

צו דעם תנאים פון ה' **סאַמועל בולוויק** מיט פרל. **יטא ניימאַן** א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט, די עלטערן אונזערע ליבע מחותנים פיעל נחת
ווינשען: אסתר לאה שמולעוויטש און קינדער, מאיר סטאַווסקי און פרוי,
פישל שמולעוויטש און פרוי, איטשל קאָטשיינער און פרוי, גענעק בולוויק און פרוי

צו די תנאים פון מיין קוזינקע **יטא ניימאַן** מיט ה' **סאַמועל בולוויק**
ווינשט א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט
ישראל גערשאַנאָוויטש.

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער מחותן ה' **יצחק שמעון ניימאַן** צו
דער פערלאָבונג פון זיין טאָכטער **יטא** מיט ה' **סאַמועל בולוויק**
דעם יונגען פאָר א בליהענדע צוקונפט
מ. שייקאָוויטש און פרוי.

Pani **Felicji Szmulewicz**
z powodu przedwczesnego zgonu nieodżałowanej

b. p. Matki Jej

składa wyrazy szczerego i głębokiego współczucia
D. Borzykowski.

דער **פאַמיליע שמולעוויטש** אין טשענסטאָכאָוו, **פאַמיליע קעלער** און **פאַמיליע דונסקי** אין זאַקאָפאַנע, צוליעב'ן טויט פון זייער ליעבע מוטער

חיה באָום נ"ע

דריקט אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל
ד. שמולעוויטש

צי פערשטעהען מיר טאקי נישט?

יעדען אינדערפריה ווען מען עפענט א צייטונג, מוז ביי דעם גרעסטען אפטימיסט ווערען קאלאמוטנע אויפ'ן הארצען. ס'מאכט דעם איינדרוק, ווי די גאנצע וועלט וואלט שוין נישט געהאט וועגען וואס צו זארגען, נאר די איינציגע דאגה איז, ווי אזוי דאס ביסעל יודען אויסצוראטען.

מיר זעהען נארנישט, אז אונזערע פריינד זאלען זיך מעהרען, דאגעגען ווערען פון טאג צו טאג אלץ גרעסער די מחנות פון אונזערע שונאים.

אמת, די שנאה נעמט זיך צו אונז צוליב זייער אונבעהאלפענקייט, ווארום וואס ערגער עס איז די ווירטשאפטליכע לאגע אין א מלוכה, אלץ מעהר ווארפט מען ארויף די שולד אויף יודען; דאס אבער ענדערט נישט די לאגע, אין דער וועלט געהט אויף אונז א פאליע פון שנאה, האס און פערניכטונג.

וואס טהוען מיר יודען דערצו, צי האבען מיר כאטש אויף א מינוט זיך פערטראכט וועגען אונזער לאגע און די מיטלען, וואס מיר דארפען אננעמען זיך צו פערטיידיגען? און אט וועגען דער נישט פעהיגקייט פון אונזערע פוילישע יודען, צו זיין רייף צו אונזערע אויפגאבען, ווילען מיר ווידמענען די דאזיגע הגם ביטערע אבער אמת'ע ווערטער.

קוקענדיג זיך צו, ווי אזוי עס זעהען אויס די אינערליכע מחלוקת'ן צווישען די מיטגלידער פון—זאלען מיר זאגען—קהלות, ווי אזוי צוליב א פרעזעס-בענקעל זענען יחידים און גאנצע ארגאניזאציעס פעהיג א וועלט חרוב צו מאכען, צו פערקויפען אלע יודישע אינטערעסען, צו מאכען בזוי ומבווה דעם גאנצען אזוי-גערופענעם יודישען אחדות בעווייזט עס, אז די פוילישע יודען איז נאך, אימשטיינס-געזאגט צו נוט, אז נאך נישט פול איז די מאס פון אונזערע צרות, אויב מען האט נאך נישט די פערשטענדניס פאר אזעלכע עלעמענטארע בעגריפען.

אויך אונזער טשענסטאכאוו קאן אין דעם פאל דינען אלס ביישפיעל, ווי אזוי דאס יודישע אח־ות, דער נאציאנאלער יודישער כבוד ווערט ברוטאל צוטרעטען דורך די גייציגע כבוד זיכער און ענגהארציגע בעלי קנאה.

ניין, נישט מיט אזעלכע מעטאדען וועט דאס יודענטום זיין פעהיג זיך אקעגענצושטעלען דעם גרויזאמען אנגריף פון אונזערע שונאים.

עס דארף קודם כל אויפגעהויבען ווערען א געשריי אין דער אייגענער מחנה. עס דארף ווערען א הייליגער לאזונג: ווען דער שונא בעלאגערט אונז און וויל אונז אויסהונגערען, דארף אין דער אייגענער מחנה זיין שלום ושלוה, אנדערש וועלען מיר חס ושלום פערלוירען ווערען.

אז אין דער איצטיגער שווערער טרויעריגער צייט מוז צווישען אונז זיין א דיסציפלינירטע אחדות איז דאך קלאר ווי דער טאג, צו קאן מען גלויבען, אז אונזערע פאטענטירטע טהוער פערשטעהן דאס נישט?

ש.

קורצע ידיעות פון דער וואך

— פאר'ן ענגלישען אמבאסאדאר אין ווארשא האט זיך פארגעשטעלט א יודישע דעלעגאציע פון די ה"ה: אדוו. הארטגלאס, ביאלאפאלסקי, רעד. העפטמאן, הרב ניסענבוים א. א., וועלכע האבען אויסגעדריקט די אונצופרידענהייט פון דער יודישער געזעלשאפט צוליעב דער פערשלעפונג פון דער פאליטישער לעזונג פון ארץ ישראל-פראבלעם. די דעלעגאציע האט אויך אנגעקינדיגט ביים אמבאסאדאר א מעמאריאל צו דער ענגלישער רעגירונג אין לאנדאן.

— דער מעקסיקאנישער פארלאמענט האט אנגענומען א רייהע פרעמדען געזעצען, וואס בעדראהען ערנסט די לאגע פון די יודען אין מעקסיקא. עס איז אויך בעשווערט געווארען דאס נאטוראליזירען זיך פון אויסלענדער און חוץ דעם וועט אדורכגעפיהרט ווערען א רעוויזיע פון אלע ביזאיצטיגע נאטוראליזאציעס.

— אין לאנגען צעטעל פון די יודישע קדושים אין ארץ ישראל זענען ווידער צוגעקומען צוויי נעמען: בעת אן אנפאל אויף א יודישען אויטאבוס איז אומגעקומען פון אראבישע קוילען דער יודישער פאליציאנט יעקב קליגער, וועלכער האט עסקארטירט דעם אויטא אויפ'ן וועג פון תל אביב קיין ירושלים. אין דער פארשטאדט פון ירושלים גבעת-שאול איז דערשאסען געווארען דורך אראבישע באנדיטען דער שטיינהאקער-ארבייטער חיים קאן פון פוילען.

— דורך אראבישע טעראריסטען איז ערמארדעט געווא־ען דער ענגלישער ארכעאלאג פראפ. סטארקי, א גרויסער געלעהרטער מיט א וועלט-נאמען, וועלכער האט געוויילט אין א"י אין צוזאמענהאנג מיט זיינע וויסענשאפטליכע אויספארשונגס-ארבייטען. דער דאזיגער מארד האט געמאכט א גרויסען רושם אין ענגלאנד.

— אין בערלין איז געשטארבען איינער פון די בעדייטענדסטע פארשטעהער פון דער בעוועגונג פאר'ן פראקטישען ציוניזם פאר'ן קריג, פראפ. אטטא ווארבורג. פראפ. ווארבורג איז געווען פון 1911 ביז 1920 פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. נאך דער גרינדונג פון דער העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים איז ער געווארען לייטער פון דעם אינסטיטוט פאר נאטור-וויסענשאפט, ארבייטענדיג וויסענשאפטליך אויפ'ן געביעט פון באטאניק.

— אין דער דרום אמעריקאנישער רעפובליק פערו איז פארגעקומען א מורא'דיגע ערד-ציטערניש מיט פיעל מענשליכע קרבנות. עס זענען פערצייכענט געווארען 123 ערד-טרייסעלנישען.

אן ערד-ציטערניש איז אויך פארגעקומען אין יאפאן אין דער געגענד פון אסאקא.

— דאס העכסטע געריכט האט שוין בעשטימט דעם טערמין פון פשיטיקער פראצעס, וואס וועט יעצט שוין צום צווייטען מאל בעטראכט ווערען דורכ'ן העכסטען געריכט. ווי בעוואוסט, האט דאס לובלינער אפעלאציע-געריכט צום צווייטען מאל פער'משפט א טייל אנגעקלאגטע אויף לאנג-יעהריגע שטראפען.

— אין צוזאמענהאנג מיט'ן אנהויב פון די לעקציעס נאך די ווינטער-וואקאציעס האט דער פראָרעקטאר פון דער לעמבערגער אוניווערזיטעט ארויסגעגעבען א פעראָרדנונג, וואס פיהרט ענדגילטיג איין די געטא-בענק אין לעמבערגער אוניווערזיטעט. לויט דער דאזיגער פעראָרדנונג מוזען די יודישע סטודענטען פערנעמען די לינקע בענק, די מיטגלידער פון דער „בראטניא פאמאץ" און עהנליכע סטודענטען-פעראיינען—די רעכטע בענק. אלע אנדערע סטודענטען קענען זיך זעצען ווי זיי ווילען. דער רעקטאר פראפ. קולטשינסקי האט זיך אנגעגעבען אין דימיסיע. דער אקאדעמישער סענאט האט די דימיסיע אנגענומען.

— אין לאקאל פון יודישען סוחרים-פעראיין אין לאדז איז פארגעקומען א צוזאמענפאהר פון די ווירטשאפטליכע לייטער און יורידישע ראטגעבער פון די יודישע סוחרים-פעראיינען פון גאנץ פוילען. אויפ'ן צוזאמענפאהר איז בעהאנדעלט געווארען: דער געזעץ פראיעקט וועגען אינדוסטריע-שטייער, דער פראיעקט וועגען רעפארמירען דעם הכנסה-שטייער און פערשידענע וויכטיגע ענינים, וואס זענען פערבינדען מיט דער ארגאניזאציע פון יודישען סוחר'טום. די אנגענומענע שטייערן-רעזאלוציעס זענען איבערגעשיקט געווארען אין פינאנץ-מיניסטעריום.

— פולק. אדאם קאץ האט אבגעטרעטען פון זיין אמט אלס שעף פון „אזאן" און איבערגעגעבען זיינע פונקציעס דעם גענעראל סטאניסלאוו סקווארטשינסקי.

— אין ווינען און אין א רייהע אנדערע עסטרייכישע שטעדט איז געקומען צו צוזאמענשטויסען צווישען די לעגיטימיסטען (אנהענגער פון דער האבסבורגער-דינאסטיע) און די נאציאנאל סאציאליסטען. עס זענען אדורכגעפיהרט געווארען מאסען ארעסטען צווישען די נאציאנאל סאציאליסטען.

— אין שפאניען קומען ווייטער פאר פערביטערטע קאמפען ביי טערועל. מאדריד איז ווידער באמבארדירט געווארען דורך די אויפשטענדער. די מאדרידער רעגירונג איז צוגעטרעטען אדורכצופיהרען די עוואקואציע פון דער גאנצער ציווילער בעפעלקערונג פון מאדריד.

— דאס קאנגרעס געריכט האט פער'משפט דעם פרעזידענט פון דער יודענשטאאטס פארטיי, מאיר גראסמאן, איהם אבצושטעלען אויף 2 יאהר אין אלע אמטען, וועלכע ער פערנעמט אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. מאיר גראסמאן איז געווען אנגעקלאגט אין פערעפענטליכען א פערטרויליכען פראטאקאל פון א געשפרעך צווישען ד"ר ח. ווייצמאן און מינ. ארמסבי-גאר, דורך וואס ער האט געברענגט שאדען דער ציוניסטישער זאך.

— אויף דער קאנפערענץ פון דער יודיש-אמעריקאנער קאנגרעס, וואס איז פארגעקומען אין סינסינאטי איז מיט אן איינדרוקספולער רעדע ארויסגעטרעטען דר. סטעפאן וויז, וועלכער האט אפעלירט צו דער עפענטליכער מיינונג אין די פעראייניגטע שטאטען צו נעמען אין שוץ די גע'רודפ'טע רומענישע יודען.

אויף דער קאנפערענץ איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע, וואס קינדיגט אן א באיקאט פון די רומענישע סחורות אין פאל, אויב די רומענישע רעגירונג וועט זיך נישט צוריקציהען פון איהר אנטי-יודישען אויפראטונגס-קאמף.

— אין טבריה, אין דער נאהנט פון שטאדטישע פארק, איז מיט א קינזשאל שטערבליך פערוואונדעט געווארען דער טבריה'ר איינוואוינער אברהם מזרחי.

נוצט אויס דעם יעהרליכען אויספערקויף

וואס האט זיך אנגעהויבען דעם 10-טען ד. ח. אין דער פירמע

I. Rząsiński, Aleja № 29

און נעמט ארום:

ווייסע, שטייפע מענער העמדער פון	2.70	„פרימא" מענער-העמדער פון	5.50
ספארט „ „ „	3.25	נאכט „ „ „	2.95
פאפעלין טאג „ „ „	4.75	מענער פיזשאמעס ווארימע „	9.80

און אנדערע וועש.

וואל און זייד פון לעצטען סעזאן

זיידענער טאפט פון 2.50, זיידענער זשארזשעט פון —.4, קרעפ סאטען פון —.5 זל.

די צייט פון אויספערקויף איז אמטליך בעגרעניצט. זעהט די שוי-פענסטער.

מען גליטשט זיך...

קליינער פעליעטאן

— וואו זענט איהר ערגיץ פערפאלען געווארען? שוין העכער דריי וואכען, ווי מען האט אייך אויף די אויגען נישט געזעהן.

אט מיט אזא קבלת פנים האב איך אויפגענומען מיין שכן ישראל יודעל, ווען ער איז נעכטען אריינגעקומען צו מיר.

— איהר האט רעכט—ענטפערט מיר מיין שכן—מען האט מיך טאקי אין ערגיץ נישט געזעהן, און אויב איך האב שוין איצט יא אביסעל צייט, איז עס טאקי גאט'ס וואונדער. איהר קאנט זיך דען פארשטעלען, ווי איך האב די לעצטע וואכען ארויסגעיאגט פון מיר די נשמה, עס איז דאך נישט געווען קיין צייט אפילו אבצואטעמען, אז פון פאר ניי-יאהר ביז היינט האט מען געהאלטען אין איין יאגען. ערשטענס, האט מען געמוזט אפשטעהען אין דער קהלה, כדי ארויסצובעקומען א פאר גילדען אויף א פאטענט. שפעטער איז מען געווען פערנומען מיט'ן רעמאנענט, כאטש קיין סחורה האט מען נישט, אבער נעבוי מוז מען דאס מאכען אויף די האהר, ווייל דער צווייטער שותף, דער אוזשאנד סקארבאווי, האט נישט ליב צו גלויבען אויפ'ן ווארט, און אך און וועה איז, אז מען פערגעסט אויפצוגעבען א שטיקעל סחורה, וואס איז פחות משוה פרוטה, נו, נו, איז נישט קיין וואונדער טאקי, וואס איך בין געווען אזוי שטארק פערנומען, דאס מען האט מיך די גאנצע צייט נישט געזעהן.

— אבי איצט,—זאג איך—זענט איהר שוין פריי, וועט מען קענען מאכען א דזרדעל, אדער כאפען א שמועס וועגען פאליטיק.

— וואס רעדט איהר—קוקט מיך אן מיט א פאר אויגען מיין שכן—ווער קאן זיך דאס דערלויבען היינט אויף אזעלכע זאכען פערגעסט נישט, אז ס'איז ווינטער און אז מען האט קינדער מאכען זיי שוין אזוי, אז מען זאל נישט האבען קיין פרייע מינוט פאר זיך.

— וואס איז—בין איך נייגעריג צו וויסען—וואס ווילען זיי דען פון אייך אייערע קינדער?

— וואס זיי ווילען? — שטעלט מיר צוריק די זעלבע שאלה מיין שכן—זיי ווילען זיך גליטשען, אט דאס ווילען זיי, און אויב גליטשען זאגען זיי, מוז איך מיט זיי מיטגעהן און צוקוקען, ווי אזוי זיי גליטשען זיך.

שטעלט אייך פאר, פאניע סמאל, אז איך האב דערהערט, וואס מיינע קינדער פערלאנגען פון מיר, האב איך זיי אנגעקוקט ווי משוגע. מיין גאנץ לעבען געה איך אויפ'ן גלייכען וועג, ווייל איך, אז אויך מיינע קינדער זאלען גאהן גלייך, נישט אויף קיין גליטשיגע וועגען. האבען זיי זיך אבער נישט געלאזט אראבקלאפען פון וועג און מיר געענטפערט, אז זיי ווילען נישט זיין קיין אויסנאהם פון אלע מענשען—אלע גליטשען זיך, ווילען זיי זיך אויך גליטשען. ס'האבען נישט געהאלפען מיינע טענות און איך האב זיי געמוזט קויפען גליטשערס מיט אזעלכע ספעציעלע הויזען און זיי אליין אפילו געפיהרט גליטשען.

שטעהענדיג אזוי ביי דער גליטש און צוקוקענדיג, ווי מען גליטשט זיך—דערצעהלט ווייטער מיין שכן—אונטער די קלאנגען פון מוזיק, איז מיר איינגעפאלען א געדאנק, אז אייגענטליך גליטשט זיך דאך די גאנצע וועלט; אלע און אלץ האלט זיך אין איין גליטשען. דער אונטערשיד איז נאר, וואס א טייל גליטשען זיך אדורך און א טייל גליטשען זיך אויס, גליטשען אבער גליטשען זיך אלע. אויב אזוי—טראכט איך מיר—וועל איך אריין צו אייך, פאניע סמאל, און איהר וועט פון דעם גליטשען האבען א פערטיגען פעליעטאן.

ווען איך האב אנגעקוקט מיין שכן מיט א פערוואונדערטער תנועה, האט ער מיר געגעבען צו פערשטעהן דעם פירוש פון זיין געדאנק, וואס איך גיב איבער ווארט ביי ווארט:

היטלער האט גענומען אזא קולטורעלע מלוכה ווי דייטשלאנד און זיך געלאזט אויף דער גליטש. און שוין העכער 4 יאהר, ווי ער האלט זיך אין איין גליטשען. אלע זיינע רעדעס זענען גליטשיגע, זיינע נירענבערגער געזעצען זענען גליטשיגע און וואס מעהר ער גליטשט זיך, אלץ מעהר גליטשען זיך אוועק פון איהם אזעלכע גוטע זאכען, ווי: רויה שטאפען, פוטער, פעטס און נאך אנדערע וויכטיגע געגענשטאנדען, אהן וועלכע א מלוכה קען זיך נישט בעגעהן און דער סוף וועט זיין, אז ער וועט זיך אויסגליטשען.

מוסאליני האט זיך אנגעהויבען צו גליטשען מיט זיין פאשיזם און בעת ער האט זיך געוואלט אריינגליטשען קיין אביסיניע, האבען די צושויער איהם אנגעהויבען צו סטראשען, אז ער וועט זיך אויסגליטשען. ער האט אבער געהאט הצלחה און קיין אביסיניען זיך פארט אדורכגעגליטשט. צי ער וועט זיך סוף כל סוף נישט אויסגליטשען איז נאך נישט זיכער.

דער פעלקער-בונד דאגעגען האט זיך נעביך יא אויסגעגליטשט און ס'וועט איהם זיין זעהר שווער זיך צוריק אויפצוהויבען.

אויך דער אייזערנער סטאלין, וועלכער האט געזאלט אין אנהויב געהן אויף א גלייכען וועג, האט זיך לעצטענס געלאזט אויף דער גליטש און גליטשט זיך אראב, וואס אמאל טיפער, און ווער ווייסט אויב ער וועט זיך נישט שנעל אויסגליטשען.

גענעראל פראנקא האלט זיך אין איין וועלען אריינגליטשען קיין מאדריד און דערווייל האט ער זיך גאר ארויסגעגליטשט פון טערועל און גיב גאט, ער זאל זיך בקרוב ארויסגליטשען פון גאנץ שפאניען.

אויך דאס גרויסע ענגלאנד האט דערמיט, וואס זיי האבען לכתחילה טאלערירט די אראבישע טערור-אקטען, זיך געלאזט אויף א גליטשיגען וועג און איצט ווען זיי ווילען זיך צוריקציהען, איז שוין א ביסעל צו שפעט. זיי גליטשען זיך און הלואי זיי זאלען זיך נישט אינגאנצען אויסגליטשען.

די יאפאנער קענען די גליטש-מלאכה, ווי ס'ווייזט אויס, זעהר גוט. זיי האלטען זיך אין איין אריינגליטשען קיין כינע און וויפיעל זיי זאלען זיך נישט גליטשען ציהען זיי זיך נישט צוריק. זייער גליטש איז הצלחה'דיג.

די רומענער האבען זיך אויך געלאזט אויף א פאסקודנע גליטש, זייער גליטשען וועט זיי אבער קיין נחת נישט פערשאפען, זיי וועלען זיך בעשטימט אויסגליטשען.

דאסגלייכען א גרופע היגע כלל-טהוער, וועלכע האבען זיך ביי די לעצטע וואהלען צו דער קהלה נישט געקאנט אריינגליטשען צו דער קהלה-שיסעל, זיך געלאזט אויף א גליטשיגען וועג. זיי האבען זיך אנגעטהון „מסירות"-גליטש שיך און גליטשען זיך צום דריטען צד. זיי פערשטעהען אבער נישט, אז מיט דעם אונגעלונגענעם גליטשען זיך, וועלען זיי גורם זיין, אז די יודישע בעפעלקערונג פון אונזער שטאדט וועט זיך נעביך אויסגליטשען.

וואס קומט אבער ארויס — גיט א זיפץ מיין שכן — אז מיט אלע גליטשערייען, וואס פעלקער און מלוכות גליטשען זיך, פאלען גאר מיר, יודען און צובערכען זיך דערווייל האלז און נאקען. אמת, אז מיר, יודען שרעקען זיך נישט דערפאר, מיר האבען פון די עלטסטע צייטען, אנהויבענדיג פון פרעה, המן, טיטוס, קרייץ-צוגען, שפאנישע אינקוויזיציע ביז צו די היינטיגע היטלעריסטען, זיך פונדעסטוועגען אדורכגעגליטשט אונזער לעבען און מיר שטעהען אויף די פיס ביז צום היינטיגען טאג; מיר וועלען אויך אויך ווייטער, טראץ די אלע גליטשען, לעבען און עקזיסטירען און אונזערע שונאים וועלען זיך גאר אויסגליטשען. דערווייל אבער שרעקען מיר זיך, געפונענדיג זיך כסדר אויף דער גליטש.

— ווי איהר זעהט—פערענדיגט זיין אויפקלערונג מיין שכן — האלט זיך די גאנצע וועלט אין איין גליטשען און זאל מען האפען, אז די, וועלכע ווילען אונז שלעכטס טהון, וועלען זיך אויסגליטשען און מיר, יודען, דער עם הנצחי, וועט טראץ דעם גליטשיגען וועג, וועלכען אונז קומט אויס אדורכצומאכען, געלונגען זיך אדורכצוגליטשען...

סמאל

רומעניען

די „היטלעריזירונג" פון דעם סאמע אנטיסעמיטישען לאנד אין אייראפא

פון ישעיה אוגער

רומעניען! — שוין דער נאמען אליין פון דעם דאזיגען לאנד רופט ארויס ביי יודען אין דער גאנצער וועלט די סאמע טרויעריגסטע ערינערונגען און די פארשטעלונג פון אזעלכע גרויזאמע פערפאלגונגען און גזירות קשות, ווי ס'האט פאר'ן קריג נישט געזעהן און נישט איבערגעלעבט אין קיין שום לאנד אין אייראפא.

בלעטערט מען אדורך די געשיכטע פון יודישען פאלק און שטעלט מען זיך אפ ביים קאפיטעל „רומעניען", געפינען מיר דארט, אז די יודען האבען זיך בעזעצט אויפ'ן געביעט פון היינטיגען רומעניען נאך איידער די רוימער זענען געקומען אהין, נאך איידער עס איז ענטשטאנען א רומעניש פאלק, א וועלכע עס איז ישוב פון מענשען, וואס רופען זיך רומענער.

א לאנגע צייט, א פעריאד, וואס נעמט ארום איינינע הונדערט יאהר כסדר, איז די יודען דא געגאנגען גאר נישט שלעכט. פערערגערט האט זיך זייער לאגע, ווען עס האבען זיך אנגעהויבען בילדען די פירשטענטומס מאלדאוויען און וואלאכיען מיט די „גאספאדארעס" אלס הערשער, ווען עס האט זיך אנגעהויבען אויסצוקריסטאליזירען דאס פאלק, וואס מיר רופען היינט רומענער און וואס שטעלט פאר מיט זיך אין ווירקליכקייט א געמיש פון רוימער און סלאווען און פון אנדערע עטנישע שטיקלעך און ברעקלעך. און דאך איז אויך דעמאלט נאך נישט אזוי שלעכט געווען די יודען; פערקעהרט, זיי האבען געשפילט א אנגעזעהענע ראלע אין ווירטשאפטליכען לעבען, אין פערקעהר מיט די ארומיגע פעלקער און לענדער.

שלעכט געווארען איז זיי ערשט אין אנהויב פון 18-טען און אממעהר-סטען איז זיי אויסגעקומען צו ליידען אין 19-טען יאהרהונדערט. אלזא אין די צוויי הונדערט יאהר פון אויפקלערונג, פון קולטורעלען גייסטיגען און זיטליכען פראגרעס, פון רעוואלוציע און פרייהייטס-קאמפען, פון עמאנציפאציע און זעלבסטבעשטימונג פון די פעלקער.

— אט אין דער צייט האט דאס רומענישע פאלק צוזאמען מיט זיין אינטעליגענץ און מיט זיינע „אויפגעקלערטע", מייסטענס אין רעוואלוציאנערען פראנקרייך דערצויגענע מלוכה-מענער פערוואנדעלט דאס לעבען פון דער יודישער בעפעלקערונג אין רומעניען אין אנ'אמת'ן דאנטעשען גיהנום, וואו די יודען האבען אויסצושטעהן צרות און ערנידערונגען און בעגרעניצונגען ביז'ן היינטיגען טאג.

די פערביטערסטע יודען-שונאים, די איניציאטארען און ארגאניזאטארען פון אלע יודען פאגראמען און די אונמענשליכסטע רעפרעסיעס פון יודען אין רומעניען זענען אלע מאל געווען די רומעניש פראוואסלאווע גייסטליכע און די גרויסע גרונד-בעזיצער, די אזוי גערופענע „באיארען". אט די צוויי סאציאלע גרופעס האבען שרעקליך עקספלואטירט די פויערים-בעפעלקערונג, און וועלענדיג אבווענדען פון זיך דעם כעס פון די אויסגעזאגטע פויערים האבען זיי די אומצופרידענע געהעצט געגען די יודען, בעלעהרענדיג זיי ווי דער שטייגער איז, אז די יודען זענען זייערע אמת'ע שונאים, נישט זיי, די אויסנוצער, וואס זויגען אויס פון זיי דעם מארך פון די ביינער, דעם לעצטען טראפען בלוט.

אזוי האט זיך אנגעהויבען די כוואליע פון פאגראמען, וואס האט אנגעהאלטען א גאנץ יאהר-הונדערט. מיטגעהאלפען ביי דער העצע געגען יודען, האט געוועהנליך דער „געבילדעטער קלאס", פראפעסארען, שריפטשטעלער, סטודענטען, פאליטיקער און מלוכה-מענער. וואס זענען געשטאנען ביים רודער—אלע זענען זיי נאטירליך געגאנגען האנד ביי האנד מיט די רייכע און שטארקע. מיט די גרויס גרונד-בעזיצער, און מיט'ן קליינבירגערטום, וואס האט געוואלט פטור ווערען פון דער יודישער קאנקורענץ.

אט דאס זענען געווען די גייסטיגע טאטעס פון די פאגראמען און די רעפרעסיעס געגען יודען, און צום גרעסטען טייל אויך די פיזישע אנטיילנעמער אין די פאגראמען.

אין רומעניען זענען פארגעקומען די בלוטיגסטע פאגראמען, וואס אייראפא האט ווען עס איז געזעהן אין די לעצטע הונדערט יאהר. אט זענען נאר די נעמען פון איינינע שטעדט, וואו אין דער צווייטער העלפט פון 19 טען יאהרהונדערט זענען צו דריי און פיער מאל פארגעקומען שוידערליכע פאגראמען, וואס האבען געפאדערט הונדערטער יודישע קרבנות: גאלאץ, יאסי, בוקארעשט, קאלאראש, באקו, קאבול, דכאנסשען, באטאשאנו, בערלאד און פיעל אנדערע. פון באקו האט מען אין איין טאג פערטריבען 500 יודישע פאמיליעס און זייערע הייזער, זייער האב און גוטס פערברענט, אין אש פערוואנדעלט.

עס איז נישט דא דאס ארט צו דערצעהלען וועגען די אלע בארבארישע מעשים, וואס זענען אבגעטהון געווארען געגען יודען. איין פאקט אבער ווילען מיר נאך דערמאנען: די מעשה גאלאץ. געשטהן איז עס אין יאהר 1867. אונטער דער רעגירונג פון יאנעל בראטיאנו, איינער פון דער בעהאוסטער רשעים „דינאסטיע", וועלכער האט געגעבען רומעניען איינינע מיניסטארען אנטיסעמיטען, האט מען אין א שעתנעם טאג ארויסגעטריבען די יודען פון גאלאץ און פיעל פון זיי ארייננעטריבען אין טייך אריין, אין דונאי; אזוי ווי די אומגליקליכע האבען שוימענדיגערהייט נישט געקענט דערגרייכען דעם ברעג אויף דער טערקישער זייט און האבען זיך געמוזט אומקעהרען צוריק, האבען די רומענישע סאלדאטען געשאסען אויף זיי און כמעט אלע, וואס האבען געמאכט די לעצטע אנשטרענגונגען זיך ארויסצוראטעווען פון וואסער, זענען דערטרונקען געווארען.

דער דאזיגער פאל האט ארויסגערופען א גרויסע אויפרעגונג אין „ציווילזירטען" אייראפא. אין ענגלישען פארלאמענט האט מען געמאכט אנ'אנפראגע וועגען דער „מעשה גאלאץ". מ'האט גענומען סטראשען רומעניען און דער סוף איז געווען, אז בראטיאנו האט זיך געמוזט אנגעבען אין דימיסיע. בכלל זענען די אייראפאאישע מלוכות, ענגלאנד, פראנקרייך, עסטרייך און אפילו דייטשלאנד איינינע מאל אין משך פון 19-טען יאהרהונדערט זעהר שארף ארויסגעטרעטען געגען רומעניען פאר די רדיפות אויף די רומענישע יודען. מ'האט זאגאר געדראהט מיט „קאנקרעטע שרים". אין יאהר 1877 בעת'ן בערלינער קאנגרעס האט מען לויט'ן פארשלאג פון פראנצויזישען פערטרעטער געצוואונגען רומעניען זיך צו פערפליכטען צו געבען די יודען פולע גלייכבערעכטיגונג. אבער די רומענער האבען מיט אלפערליי קונצען, גענארערייען און צביעות'דיגע שטיקלעך פערשטאנען סוף כל סוף זיך ארויסצודרעהען פון די פערפליכטונגען, און אזוי זענען זיי געווען דאס ערשטע פאלק אין אייראפא, וואס האט געגעבען א ביישפיעל פון ברעכען אינטערנאציאנאלע טראקטאטען און איבערגענומענע התחייבות'ן.

* * *

רומעניען נעהט איצט בעניין די אלטע גזירות אויף א „מאדערנעם" היטלעריסטישען שטייגער. נאטירליך איז נאך פעריהאן אנ'אונטערשיד צווישען דייטשלאנד און רומעניען, אין יעדער הינזיכט. דייטשלאנד איז אויך קודם כל א מיליטעריש שטארקע מלוכה און מ'האט מורא פאר איהר. רומעניען איז קליין אין יעדער בעציהונג און שפילט קיין שום ראלע נישט אין דער פאליטיק. מ'קען דאס לאנד לייכט „בענדיגען", ווען מ'זאל איהר נישט געבען קיין הלואות און זי פינאנציעל און ווירטשאפטליך באיקאטירען. מ'קען זי אויך פאליטיש זעהר לייכט צווינגען זיך אבצוזאגען פון איהר פאשיסטיש-היטלעריסטישען פראגראם.

אבער ווער זאל עס טהון? — אמאל פלעגען די „ציוויליזירטע" מלוכות אין אייראפא זיך אננעהמען די קריוודע פון יודען. היינט אין דער תקופה פון היטלעריזם, זענען זיי געווארען בעשיידענע און צניעות'דיגער, זיי מישען זיך נישט אין קיין „אינערליכע אנגעלעגענהייטען" פון פרעמדע מלוכות און אנערקענען אין דעם פרט פון שלאגען יודען די פולשטענדיגע „זעלבסטבעשטימונג פון די פעלקער".

א משעקאווע מעשה מיט א ירושלימ'ער „נזיר"

אין ריגער „היינט" דערצעהלט ה' י. אלימלך פאלגענדע אויסטערלישע געשיכטע:

ס'איז געווען פונקט מיט צעהן יאהר צוריק, אנהויב דעצעמבער 1927.

א קלאנג האט זיך צוטראגען איבער ירושלים, אז העט וואו אין א מערה, האלט זיך אויף עפיס א מערקווירדיגער פערשוין, וועלכער בעגייסטערט דעם גרויסען המון, וואס קלויבט זיך ארום דער דאזיגער מערה. אין ירושלים, וועלכע איז אזוי רייך מיט פערשידענע אינטערעסאנטע משעקאווע טיפען, „נביאים", און א. ג. „משיחים" האט זיך שטארק גערודעלט. יונג און אלט האבען נאר געהאלטען אין איין רעדען וועגען דעם „משיח". האט מען זיך בעגעגענט אין גאס אדער אין קאפע, אין בית-מדרש אדער אויף א פערזאמלונג, איז די ערשטע פראגע געווען: „האסטו שוין געזעהען משיח'ן? נו, וואס זאגסטו צו משיח'ן?

איז קיין וואונדער נישט, וואס דער עולם האט מאסענווייז געשטראמט אנקוקען דעם דאזיגען פערשוין, וועלכער לעבט אין דער מערה פון די קברי הסנהדרין, וואס געפינט זיך נישט ווייט פון דער שכונה, וואו עס וואוינען בוכארער יודען.

אין א שבת'דיגען נאכמיטאג האב איך זיך צום ערשטען מאל בעגעגענט מיט'ן מערקווירדיג אינטערעסאנטען און מיסטישען יונגענמאן, וואס האט זיך א קורצע צייט דערווארבען גאר א סך חסידים און אנהענגער, וועלכע פלעגען פון איהם ממש נישט אבטרעטען.

פאר מיר איז געשטאנען א נזיר, א יונגערמאן מיט לאנגע האר, א קליין בערדיל, איינגעדארטע איינגעפאלענע באקען און א פאר פייערדיגע אויגען, וואס האבען מיט זייער פינקלדיגען בליק דורכגענומען יעדען איינעם. א פאר אלטע הויזען, אנ'אלט אויסגעריסענעם צעריסען רעקל פון וועלכען עס זעהט זיך ארויס די בעוואקסענע ברוסט — דאס איז די גאנצע קליידונג, וואס ער האט געטראגען אויף זיך און טאמער האט איהם אימיצער געבראכט עפיס אנצוטהון אדער א העמד צו בעדעקען זיין נאקעט לייב, האט ער דאס בשום אופן נישט גענומען.

הגם אין ירושלים זענען אזעלכע אבגעריסענע „נביאים" און אבגעשליסענע „משיחים" קיין נייעס נישט, האט אבער דער נזיר פון דער הייל פון דער סנהדרין-גדולה, פערמאגט אין זיך עפיס אזוינס, וואס האט פערכאפט און בעצויבערט, פערנומען ביים הארצען און געוועקט אכטונג און בעוואונדערונג. זענען טאקי דעם דאזיגען נזיר געגאנגען אנקוקען די בני פון שטאדט, רבנים און תלמידי חכמים, מקובלים און מיסטיקער, וואס פערברענגען זייערע טאג אין תפילות און סיגופים. איינער פון זיי, א ירושלים'ער יוד, אין א לאנגער קאפאטע און א שטריימעל, איז צו איהם שטארק צוגעשטאנען און פלעגט יעדען טאג קומען צו איהם אין דער מערה מתפלל זיין און מיט הארצרייסענדע געשרייען זאגען תהילים.

די בוכארער יודען האבען איהם ממש פערגעטערט און פלעגען איהם טאג טעגליך ברענגען עסען און טרינקען. ער, דער נזיר, האט זיך אבער מנהג געווען צו עסען בלויז צוויי מאל א וואך.

איינער פון משה גבורי'ס — אזוי האט ער געהייסען דער נזיר פון מערת הסנהדרין — פייערדיגע חסידים איז געווען, אויף וויפיעל ס'געדענקט זיך מיר, אנ'אמעריקאנער ארטאדאקסישער יוד, וועלכער האט זיך מיט איהם שטארק בעפריינדעט במשך פון דער צייט, וואס ער האט פערבראכט אין א"י.

איך האב זיך איצט דערמאנט אן משה גבורי אין צוזאמענהאנג מיט א ידיעה, וואס קומט פון אמעריקא, אז דארטען דערשיינט איצט א ריזיג ווערק פון משה גבורי. דער ארויסגעבער פון דאזיגען צוויי טויזענד זייטיגען ווערק זאל זיין טאקי דער אויבענדערמאנטער אמעריקאנער, וועלכער איז פרעזידענט פון דער געזעלשאפט „טא-

וואס געהערט, וואס געזעהן.

מען דארף זיך נישט שעמען...

אנ'אומגליק איז מיט אונז יודען, וואס מיר זענען דאס איינציגע פאלק אויף דער וועלט, וועלכעס שעמט זיך מיט דער אייגענער שפראך.

נישטא איז דאס ארט צו פאלעמיזירען מיט אלע גאנצע און חצי-שמענדריקעס וועגען דעם, צי יודיש איז א שפראך אדער נישט, צי זי פערמאגט א גראמאטיק אדער נישט; און מיט די יעניגע וועלכע טענה'ן, אז היות ווי מיר זענען עקס-טעריטאריאל, מוזען מיר האלטען די לאנדעס שפראך פאר אונזער שפראך וכו' וכו'—איך מיט זיי לוינט נישט איינצו'טענה'ן, ווייל עס איז א שאד יעדעס ווארט צו פערלירען, זיי וועלען שוין קלוגער נישט ווערען, סיידען, עס וועט קומען אנ'איבערקעהרעניש אין זייערע כחות. אויב איך וויל יא עפיצען איבערצייגען, איז עס נאר די יעניגע, וועלכע שטעהען מיט ביידע פיס אין יודישען לעבען.

אט זיי קומט ליידער אויס אויסמערקזאם צו מאכען, זיי זאלען זיך נישט שעמען צו רעדען יודיש אין דער גאס, ווייל גאר פשוט—עס איז זיך נישטא מיט וואס צו שעמען.

איך זאג דאס אקעגען דעם, וואס אפט טרעפט מען מענשען, וועלכע זענען יודישיסטען, וועלכע האבען א פאזיטיווע בעציהונג צו יודיש און לויט זייער פארטיי אדער געזעלשאפטליכער שטעלונג זענען זיי זאגאר קעמפער פאר יודיש און יודישע קולטור און אט די יעניגע שעמען זיך אויף דער גאס צו רעדען יודיש.

לעצטענס איז געווארען א שאנדע צו רעדען יודיש אויפ'ן גאס און דאס אפילו פאר די יעניגע, וועלכע קענען נישט קיין אנדערע שפראך, ווי יודיש. אפטמאל טרעפט, אז צוויי מיידלעך געהען אין גאס און רעדען יודיש, הערען זיי אבער טריט הינטער זיך, הויבען זיי פלוצים אן צו רעדען פויליש און דאס אזא פויליש. אז ווען מען זאל בעשטראפט ווערען פאר שלעכט פויליש רעדען מיט תפיסה, וואלטען זיי בעשטימט בעקומען אייביגע תפיסה. ווי באלד אבער זיי זעהען, אז די טריט דערווייטערען זיך, אטעמען זיי אב פרייער און הויבען ווידער אן רעדען יודיש.

עס איז א גרויסע עולה, סיי פון די, וועלכע קעמפען כלומרשט פאר דער יודישער שפראך און יודישער קולטור און סיי פון די, וועלכע קענען נישט עפיס אנדערש, ווי יודיש און אויף דער גאס שעהמען זיי זיך צו רעדען יודיש.

ביי אונז איז פערהאנען נאך ליידער א טייל יודען, וועלכע זענען פאקטישע אסימילאטארען, נאר היות ווי היינט איז דאך א מאדע צו זיין נאציאנאליסטען, פראקלאמירען זיי זייער נאציאנאליזם דערמיט, וואס זיי זאגען ביי יעדער געלעגענהייט, אז נאר העברעאיש איז די נאציאנאלע שפראך, אבער נישט יודיש, וואס זיי רופען אן זשארגאן. און פאקטיש פאלט אט די דאזיגע חכמים נישט איין זיך צו וועלען אויסלערנען אין העברעאיש ווארט.

ווען מיר קוקען זיך צו ווי אזוי עס ווערט ערצויגען דער נייער דור, כאפט אן א גרויל. אלע קינדער, וועלכע בעקומען זייער ערציהונג אין די מאדערנע שולען, ווערען פערפרעמדט פון דער יודישער קולטור. קיין העברעאיש קענען זיי נישט, יודיש לערנען איז אסור ווי חזיר, טא וואס וועט זיין מיט דער יודישער שפראך, מיט דער הערליכער יודישער ליטעראטור.

איך האב זיך אבער שוין צופיעל ארייינגעלאזט אין חקירות וועגען דעם ענין. איך וויל נאר ביי דער געלעגענהייט אויפמערקזאם מאכען אונזערע יודישיסטען, אז מען דארף נישט פרעדיגען קיין קאמף פאר יודיש און אליין זאל מען זיך דערמיט שעמען צו בענוצען.

איבערהויפט, אין דער איצטיגער צייט, איז א פערברעכען, אויב מען האלט, דאס אין אנשטענדיגער געזעלשאפט דארף מען זיך שעמען מיט יודיש.

חבר קיפניס, פערגאלאפירט זיך נישט!

מיר האבען אמאל אין זיינער צייט שטארק הנאה געהאט פון קיפניס'ען דעם פאלקס-זינגער, וועלכער האט אונז מהנה געווען מיט עכטע יודישע פאלקס-לידלעך, וואס וועלען אייביג בלייבען אלס א טייערער פאלקס-אוצר.

מיר קוויקען זיך אויך מיט קיפני-ס'ען דעם פעליעטאניסט, מיט די דערצעהלונגען פון גרויסע חזנים, וועלכע קיפניס כאראקטעריזירט אזוי געלונגען. ווען אט דער קיפניס, דער פאלקס-זינגער, דער פעליעטאניסט, כאפט אבער שוין אריבער די מאס, איז אונזער חוב צו זאגען: האלט, חבר קיפניס, פערגאלאפירט זיך נישט, ווארום אנדערש וועלען מיר מוזען אננעמען, אז אין אלע אייערע מעשות איבערטרייבט איהר אזוי, אז מען קען אייך אינגאנצען שוין נישט גלויבען.

געצווינגען אויפצושרייבען די דאזיגע ווערטער האט אונז די בעשרייבונג פון אייך חבר קיפניס, וועגען אונזערס א געוועזענעם דיריגענט, דעם ה' יצחק זאקס.

אין „היינט" דריקט ה' קיפניס א בילדער-גאלעריע פון פערשידענע יודישע פערזענליכקייטען, איז צווישען אנדערע אויך דא א בעשרייבונג פון יצחק זאקס, וועלכער איז היינט דער דיריגענט פון לאדזער „הזמיר". מילא, וואס קיפניס פערגלייכט דעם ה' זאקס צו טאסקאניני'ן גאר דערפאר, ווייל ביים ה' זאקס איז די האר-קאליר דיזעלבע ווי ביי טאסקאניני, בין איך איהם מוחל. מסתמא איז אויף קאלירען און אויף די מוזיקאלישע האר דער ה' קיפניס מעהר מבין. דאס אבער וואס ער שרייבט, אז ה' זאקס האט אנגעפיהרט מיט א דייטשען ארקעסטער אין דייטשלאנד, אין דער צייט, וואס ה' זאקס איז נאך אין זיין לעבען אין דייטשלאנד נישט געווען, גרעניצט זיך שוין מיט... נו, אדרבה ה' קיפניס געפינט איהר אליין די ווערטער, מיט וועלכע מען קען דאס בעצייכענען.

א זינגער פון אזא מדרגה ווי איהר, ח' קיפניס, מוזט זיין זעהר געווארענט נישט צו נעמען קיין פאלשען טאן, ווארום אויב איהר האט אפילו אויסגעטוישט אייער שטימע אויף דער פעדער מוזט איהר אויך זיך האלטען ביים טאקט און טארט זיך אויף קיין שום אופן נישט פערגאלאפירען.

ס'איז טאקי נישט קיין וואונדער

עס איז נישט שכיח, אז אין מיטען יאהר זאל מען זיך פלוצלינג צעשרייען וועגען א חזן און דאס נאך וועגען שטענדיגען שטאדט-חזן. אויב איך טהו עס אבער יא, איז עס צוליב פאלגענדען:

ווי בעוואוסט ווערט ווינטער-צייט, ווען דער פראסט איז גרויס, נישט געדאווענט אין דער שוהל, נאר אויבען אין זאל, וואו מען קאן הייצען. געוועהנליך קומט נישט ווינטער-צייט קיין גרויסער עולם צום דאווענען, אזוי, אז דער זאל קאן אריינגעמען אלע מתפללים. היי-יאהר איז אבער אנ'אויסנאהם. אויך ווינטער קומט א גרויסער עולם צום דאווענען, אזוי אז דער זאל איז בשום אופן נישט אומשטאנד אלע אריינצונעמען און אין דעם איז „שולדיג" נישט קיין אנדערער, ווי טאקי דער שטאדט חזן.

אונזער שטאדט חזן ה' כאלעווא איז אין דעם סטאדיום, ווען זיין פרעכטיגע שטימע האלט זיך אין איין בעוואקסען, אזוי אז פון וואך צו וואך ווערט זי אלץ קרעפטיגער און בעסער. און אויך

סייטי אף דהי בייבל אין דהי הענרס אף איטס קריאייטארס".

בעת מיינע בעגעגנישען און שמועסען מיט משה גבורי, דאמאלס, מיט צעהן יאהר צוריק, האט ער מיר דערצעהלט, אז די מערת הסנהדרין איז שוין דער לעצטער עטאפ אין זיין דאזיגען נע-ונד-לעבען. דריי יאהר האט ער ארומ-געוואנדערט איבער'ן מדבר סיני, גע-לעבט שפעטער אויפ'ן הר נבו, דער-נאך אין עמק יהושפט און לסוף אין דער הייל פון די סנהדרין, וואו ער האט בעשלאסען אויף א יאהר צייט זיך אבשיידען פון דער ארומיגער וועלט און דא אנשרייבען זיין ווערק, וואס וועט מאכען אנ'איבערראשונג אין דער וויסענשאפטליכער וועלט.

געניי וואס אזוינס דאס דאזיגע ווערק זיינס וועט מיט זיך פארשטעלען האט דאמאלס משה גבורי נישט מגלה געווען, ער האט אבער פאר געצעהלטע, פאר די וואס האבען ביי איהם נישא-חן געווען, דערצעהלט, אז ער שרייבט א גאנץ נייעם פירוש אויף תנ"ך, וואס וועט ליכטיג מאכען אלע פערנעפעלט-פערטונקעלטע ערטער, וועלכע א סך מפרשים און תנ"ך-אויסטייטשער האבען נישט פערשטאנען. דאס דאזיגע ווערק זיינס אויף וועלכען ער הארעוועט יאה-רען און פראוועט נזירות — האט ער דאמאלס ערקלערט — וועט אויך מא-כען א סוף צו דער גאנצער ביבל-קריטיק, ווייל די אלע סתירות, וואס מען געפינט אין תנ"ך אדער שטעלען, וואס ווערען דורך די מיסיאנערען אויסגעטייטשט אלס רמזים אויף קריס-טענטום, שטאמען פון נישט פערשטעהן דעם ריכטיגען פשט פון ענטשפרעכענ-דעןווארט, פסוק אדער קאפיטעל פון תנ"ך.

ארומגעגאנגען איז משה גבורי אין דער מערה א פערחלומטער און איז תמיד געווען פערזונקען אין געדאנקען. אויך איז ער געווען קארג אויף ווער-טער און האט וועגען זיך און זיינע „זעאונגען" בכלל נישט געוואלט רע-דען. ווען עס פלעגט זיך אבער צונויפ-קלויבען ארום איהם אנ'אודיטאריע און מען איז צו איהם צוגעשטאנען, אז ער זאל זאגען א פאר ווערטער, האט משה גבורי גענומען מיט ברען רעדען וועגען ארץ-ישראל און משיח'ס צייטען און דערביי זיך געווארפען פון איין שפראך אויף דער אנדערער, מיט איינעם האט ער גערעדט רוסיש, מיט אנדערע העבראיש, מיט יודען פון אלט ירושלים יודיש און מיט די ספר-דים שפאניאליש און אראביש.

פון זיין רעדען האט מען געקאנט זעהען, אז משה גבורי פערמאגט א געוואלדיגע ידיעה אין קבלה און פילא-זאפיע. אבער תמיד האבען מיר, בע-זוכער, געזוכט צו פערפיהרען א שמועס וועגען גאולה, דעם קץ און דער נאהנטער צוקונפט, וואס אונז שטעהט פאר אין ארץ ישראל. דא האט פון דעם נזיר געשפרודעלט ווי פון א קוואל און עס זענען געפלויגען אהן א שיעור פסוקים, וועלכע זענען דורך איהם אויף א העכסט אינטערעסאנטען אָרי-גינעלען אופן אויסגעטייטשט געווארען. משה גבורי האט דאמאלס פאראויסגע-זאגט די בלוטיגע געשעהענישען אין ארץ ישראל, האט אפילו מרמז געווען, אז ס'וועט קומען א קעניגליכע קא-מיסיע און א"י וועט אין יאהר תרצח צעטיילט ווערען — ער האט עס גע-געבען צו פערשטעהן מיט א טעות. וואס דער מלבים האט געגעבען אין זיינע אויסרעכנונגען וועגען קץ, וואס ווערט געבראכט אין דניאל.

אין ארץ ישראל האט משה גבורי דאמאלס בעקומען א שם אלס „חוזה" און זיין נאמען איז אין די פערשי-דענסטע קרייזען געוואקסען פון טאג צו טאג. פערשטעהט זיך, אז משה גבורי האט אויך געהאט געגנער, וואס הא-בען געזוכט זיין נאמען צו בעשמוצען. מען האט איהם פערשריגען אלס משו-געגעם, און ווען ער איז ארויס פון דער מערה האט זיך פערשפרייט א קלאנג, אז ער איז אוועק צו די מיסיאנערען...

איך האב איהם זינט דאמאלס נישט געזעהען און אויך וועגען איהם גאר-נישט געהערט. פון די נאטיצען אין דער אמעריקאנער יודישער פרעסע וועגען זיין ווערק, וואס דארף איצט דערשיינען, איז גראד צו זעהען, אז ער ער מאכט א תל פון דער ביבל קריטיק און פון אלע מיסיאנערישע „רעיות", „רמזים" און איינטייטשונגען. ס'געדענקט זיך מיר אויך, אז הגאון ר' אברהם יצחק הכהן קוק ז"ל האט מיט גרויס בעגייסטערונג גערעדט וועגען משה גבורי און וועגען זיינע פאר-אויסזאגונגען.

זינט יענעם בעגעגניש מיט'ן נזיר אין דער מערת הסנהדרין זענען קיי-לעכדיגע צעהן יאהר אוועק און איצט דערשיינט טאקע א ריזיג ווערק פון יענעם אבגעריסענעם אויסגעדארטען פערחלומטען יונגענמאן, וואס האט א יאהר אין א הייל פערבראכט און דארט זיין ספר געשריבען,

דר. מעד. נ. בערנשטיין (טשענסטאכאוו)

וואס דארף יעדער מענש וויסען וועגען דער קרעבס-קראנקהייט (ראק)

4.

דער קרעבס ווערט בעהאנדעלט אדער כירורגיש אדער דורך שטראה-לען.

די כירורגיע פערפאלגט דעם ציעל דעם קרעבס ווייט און ברייט אויסצו-שניידען, נישט לאזענדיג קיין שום רעשט. דאס איז מעגליך, ווען די קראנקהייט איז לאקאליזירט אויף איין פלאץ און איז נישט שטארק צעשפרייט. האט שוין דער קרעבס געשאפען ווייטע קאלאניעס, אזוי ברענגט שוין נישט די אפעראציע קיין גרויסען נוצען, ווייל נאך א געוויסער צייט קעהרט זיך די קראנקהייט אום. געגען מאגען, לעבער און דיקדארם-קרעבס קענען נישט קיין שטראהלען בענוצט ווערען, ווייל זיי העלפען נישט ווירקזאם. דאגעגען דער הויט און מויל-קרעבס ווערען היינט מיט שטראהלען בעהאנדעלט הויפט-זעכליך מיט ראדיום, וואס לאזט זאגאר נישט קיין צייכען אויפ'ן פלאץ פון דער קרעבס וואונד.

וואס זענען די ראדיום און רענטגען-שטראהלען?

די ראדיום-שטראהלען זענען געביל-דעט פון דריי קאטעגאריעס שטראה-לונגען, וואס ווערען אנגערופען אלפא, בעטא און גאממא. די שטראהלען, וואס דיענען צו דער בעהאנדלונג פון קרעבס, די גאממא-שטראהלען, זענען עהנליך צו די ליכט שטראהלען, נור זייער וועלענלענג איז א סך טויזענד מאל קלע-נער דערפאר זענען זיי פיעל מעהר דורכדרינגענדער. די ראדיום שטראה-לען ווערען ארויסגעשיקט דורך א מע-טאל, וואס הייסט ראד. דאס דאזיגע מעטאל, וואס איז ענטדעקט געווארען דורך פרוי קוריע סקלאדאווסקא — גיט ארויס די שטראהלען פון זיך אליין דורך א זעלבסטשטענדיגען, כסדר'דיגען צעפאלען זיך פון זיינע אטאמען. די שטראהלען האבען די אייגענשאפט דורכצודרינגען פערשידענע געגענשטאנ-דען און מעטאלען א חוץ בליי. ראד-יום איז דאס טייערסטע מעטאל אין דער וועלט. עס ווערט ארויסגעצויגען פון א ספעציעלער רודע, וואס געפינט זיך הויפטזעכליך אין קאנאדא און אין בעלגיש קאנגא (אפריקא). פון 10 טאנען רודע ציהט מען ארויס 1 גראם ראד-יום, דערפאר טאקע איז דער פרייז פון ראדיום זעהר הויך. 1 גראם קאסט א האלבען מיליאן פראנק. דאס מעטאל נוצט זיך פראקטיש נישט אב. 1 גראם ראדיום האט אזוי פיעל אטאמען, אז זייער צעפאלען זיך קען דויערן 1000 ביז 2000 יאהר. דאס ראדיום-מעטאל גיט פון זיך אליין ארויס די שטראה-לען אהן אויפהער. די שטראהלען הא-בען די אייגענשאפט צו פערברענען און צו פערניכטען נארמאלע צעלען פונ'ם קערפער. וואס יונגער די צעלען זענען דאס שנעלער ווערען זיי געטויט. מיר וויסען שוין, אז די קרעבס צעלען בלייבען תמיד יונג, דערפאר ווערען זיי שוין פריהער געטויט איידער די נארמאלע צעלען ווערען אנגעגריפען. דאס ראדיום ווערט בעהאלטען אין בעכערס פון גראב בליי, וואס לאזט זיינע שטראהלען נישט אדורך. דאס, וואס ווערט בענוצט צום היילען גע-פינט זיך אין אזעלכע נאדלען פון נאלד אדער פלאטין, וואס האלטען איין די שטראהלען אלפא און בעטא און לאזען נור דורך די גאממא-שטראהלען. עס האט זיך אמאל געטראפען, אז א פאציענט, הערענדיג, אז ראדיום איז אזוי טייער, האט פונ'ם שפיטאל צוגע-גנבעט א גאלדענע נאדעל אנגעפולט מיט ראדיום. די נאדעל האט ער בע-האלטען ביי זיך. נאך עטליכע טעג איז זיין הויט געווארען רויט און ענטצינ-דען — און דאס האט דעם גנב פער-ראטען.

יעדעס שפיטאל שטרעבט צו האבען א סך ראדיום. וואס העכער א לאגד שטעהט, דאס מעהר פערמאגט עס ראדיום. אונזערע אוניווערזיטעטען הא-בען זעהר ווייניג ראדיום, דערפאר האבען זיי אנדערע אוצרות מעהר...

די רענטגען-שטראהלען האבען אנ'-עהנליכע בעדייטונג ווי די ראדיום-שטראהלען. זיי ווערען אויך בענוצט צו היילען טיעף ליגענדע געשוואול-סטען. רענטגען-שטראהלען ווערען פראָ-דוצירט דורך אנ'עלעקטרישען שטראם פון הויכער שפאנונג (50.000 ביז 600.000 וואלט), וועלכער ווערט דורכ-געלאזט דורך א ספעציעלען לאמפ. וואס העכער די שפאנונג פונ'ם עלעק-טרישען שטראם איז, דאס בעסער זע-נען די שטראהלען, דאס טיעפער דרינ-גען זיי אריין אין קערפער און טויטען צוערשט די יונגע קרעבס-צעלען. די רענטגען-שטראהלען קען מען לייכט פראדוצירען, דערפאר זענען זיי אויך פיעל ביליגער ווי די ראדיום-שטראה-לען.

אין די לעצטע יאהרען האט מען אנגעהויבען פרובירען היילען דעם קרעבס מיט פערשידענע כעמישע און ביאלאגישע מיטלען. דאס זענען גאנץ נייע פערספעקטיווען, דעריבער וועל איך וועגען דעם בעזונדער' שרייבען.

פארבעריי און כעמישע וועשעריי

„BENETA"

ב. יאסעלעוויטשא 11

(געגענאיבער.דעם געוועלב פון דער קאפעלושארניע)

קראגענס ווערען געוואשען מיט דויער-האפטען שפיגעל-גלאנץ.

ספעציאליטעט:

1) אויספרישען (פארבען) פעדערנע קורטקעס,
2) פארבען לויט מוסטערן,
3) דעקאטירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען אויפ'ן ארט),
4) כעמיש ריינינגען און פאסאנירען קאפעלושען.

יונג איז אונזער חזן, און אפילו דא-מאלס, ווען ער דאווענט אין זאל, וואו עס איז ענג און עס איז נישטא קיין אקוסטיק, וויל ער נישט מוותר זיין, נאר ארבייט אב אלעס מיט אלע פיט-שעווקעס. און היות ווי אונזערע יודען זענען בעלנים אויף שענער נגינה (אי-בערהויפט ווען עס קאסט נישט קיין געלד), איז טאקי דער זאל יעדען פריי-טאג-צו-נאכטס און שבת בייטאג איבער-פולט פון מתפללים און סתם נייגעריגע דארט אויבען אין זאל זענען נישטא קיין מיוחסים. אלע מתפללים שטעהען, וואו זיי ווילען און זעצען זיך, וואו עס פערגלוסט זיך זיי. עס איז נישטא קיין מזרח שטעט און נישט קיין פאליש, אזוי אז עס ווערט אבגעשאפט די מחיצה, וואס אין דער שוהל. און היות ווי דאס אייווערנע אייוועלע איז אויך איינגעהייצט איז שוין נישט קיין וואונ-דער, וואס אפילו אין די גרויסע פרעסט קומט צום דאווענען אין דער שטאדט-שוהל א גרויסער עולם.

ס'איז באמת נישט צו פערשטעהן.

דער פערשטארבענער ר' עמנואל'קע ווייצענבלאט ע"ה, וואוינענדיג זיין גאנץ לעבען אין קווארטאל פון נויט און עלענד, האט כדי צו לינדען אויף וויפיעל נישט איז דעם הונגער פון זיינע שכנים, געגרינדעט דעם „תומכי עניים".

ר' עמנואל'קע לעבט שוין נישט מעהר, זיין ווערק איז אבער געבליבען. „תומכי עניים" פיהרט ווייטער זיין טעטיגקייט, די צאהל ארימע איז גע-ווארען גרעסער און עס נויטיגט זיך פאר זייערע הונגעריגע מאגענס מעהר שפייז. אויך קאן מען נישט פארוואַרפען די זאמלער פון „תומכי עניים", אז זיי ערפולען נישט ווי געהעריג זייערע אויפגאבען. זיי, די פשוט'ע יודען, זע-נען מוותר פון זייער איינציגען אַברוה-טאג שבת און מיט די קויבערס אין די הענד לויפען זיי ארום איבער די הויפען פון דער שטאדט און זינגען אויס דעם בעריהמטען „גוט שבת, יודעלעך".

פערהאנען אפילו ביי אונז מפונקים, וועלכע קענען נישט הערען דעם דא-זיגען רוף. זיי האבען מורא, אז זייערע פערשטיינערטע הערצער זאלען זיך נישט אמאל א ריהר טהון. טרעפט טאקי, ווי אט די אבגעפרעסענע און אנגעזעטיגטע בעל-גופים פעריאגען די „גוט שבת, יודעלעך" פון זייערע הויפען און דערמיט ווילען זיי אויך פערטרייבען זייער געוויסענלאז געווי-סען. די זאמלער אבער לאזען זיך נישט פעריאגען, ווייל זיי וויסען, אז זיי טהוען א מלאכת הקודש, א הייליגע ארבייט, אז מיט יעדען שטיקעל חלה אדער ברויט, וואס זיי נעמען צונויף, זעטיגט מען אן א הונגעריגען מאגען.

די נויט איז אבער גרויס, דאס צו-נויפגענומענע מאטעריאל גענוגט נישט. אויף איין ברויט זענען פערהאגען צעהן בעלנים, אזוי אז מען מוז יעדען שבת צוקויפען געבעקס, און הוות ווי קיין געלד איז נישטא, איז טאקי בי-טער.

ווען מען בעזוכט א שבת בעת דער טיילונג דעם „תומכי עניים", טהוט וועה דאס הארץ, שוין נישט אויף דעם עלענד, וואס מען זעהט זיך דארט אן, כאטש אויך דאס דאזיגע בילד קאן מאכען מערגליווערען דאס בלוט אין די אדערען, נאר נאך מעהר פער-דריסט אויף א גרויסען טייל פון דער פערמעגליכער יודישער בעפעלקערונג, וועלכע זענען טויב צו די געשרייען פון די „גוט-שבת, יודעלעך". יעדער אויסגעשריי זייערער איז דאך א רוף צו העלפען די אומגליקליכסטע פון די אומגליקליכסטע, טא ווי קאן מען זיך אוועקזעצען שבת ברייט ביים טיש, עסען די גרויסע קארפען קעפ מיט דעם פיינעם געבראטענעם גענזענס, אינדער-צייט, ווען הונדערטער ארימע בכבודע שמאכטען פאר הונגער. צי דארף מען נישט כדי יוצא צו זיין פאר'ן אייגענעם געוויסען, כאטש אוועקשענקען א חלה אדער א בדויט פאר ארימע, הונגעריגע נפשות, וועלכע ווילען פון אייך נישט מעהר, ווי א שטיקעל מרוקען ברויט. ווי אזוי איהר קאנט זיין אזוי הארט און אונברחמנות'דיג איז ווירקליך נישט צו פערשטעהן.

ס'האט זיך געריהרט פון ארט...

די צענטראלע פון ארט האט גע-לייגט אנ'אויג אויף טשענסטאכאוו און דא געוואלט פערפלאנצען איהר'ס אנ'-אבפיילונג. עטליכע מאל האבען זיך די פרובען נישט איינגעגעבען, מחמת פיעל סיבות. אין 1937-טען יאהר האט זי ווידער געפרובט מזל און דאס מאל האט עס עפעס יא געכאפט. עס איז געגרינדעט געווארען א קאמיטעט, וועלכע האט אבגעהאלטען עטליכע צעהנדלינג זיצונגען, ביז ענדליך מען האט בעשלאסען זיך צו נעמען צו פראקטישער ארבייט.

וואס עס קומט פאר אויף די זיצונ-גען גופא וואס די נייע „ארט"-טהוער האבען בדעה צו טהון און וואס מאנכע פון זיי זענען אויסען, איז סתרי תורה... וועגען דעם טאר, זעהט זיך אויס קיין זייטיגער מענש, איבערהויפט די פרע-סע נישט וויסען—אלץ ווערט געמאכט בחדרי חדרים. נאר ווי זאגט איהר, מסתמא ווייסען זיי דאך, וואס זיי טהוען... וועגען דעם אבער, וואס ס'קומט קאפויר, כמיין וועגען דער עפענטליכער טעטיגקייט, איז יא כדאי איבערצוגעבען.

הקיצור, נאך לאנגע און שווערע ליידען איז פערגאנגענעם זונטאג פאר-געקומען די פייערליכע ערעפנונג פון דעם ערשטען-צושניידער-קורס פאר שניידערינס און שניידער מיט א ספע-ציעל אנגאזשירטען אינסטרוקטאר.

פארוואס עפעס מען האט אויפ'ן ערשטען פייער גענומען דאס שניידער-פאך, איז נישט קיינעמס עסק-מסתמא ווייסט דאס דער קאמיטעט בעסער, אבער נישט דאס זענען מיר אויסען, מיר ווילען נישט קריטיקירען חס ושלום, נאר גארנישט... הכלל, עס איז פאר-געקומען די פייערליכע ערעפנונג, מיט קורצע רעדעס, מיט אנ'ערשטער לעק-ציע פאר די צושויער.

אויפ'ן זאל האבען זיך פערזאמעלט אויסער די אייגענטליכע שילער און שילערינס, אויך אביסעל געזעלשאפ-טליכע פארשטעהער און א גאנצע רייהע חייטים, וועלכע זענען געקומען צו לויפען און אויסהערען א לעקציע וועגען דער שניידערישער תורה, וועלכע איז טיעף ווי דער ים, און וויפיעל מען זאל זי נישט קאנען, איז אלץ נאך ווייניג...

ווינשען מיר דער נייער געזעלשאפט הצלחה אין איהר ארבייט און בעמער-קען דערביי, אז ס'וואלט נישט גע-שאדט, דאס איהרע איצטיגע טהוער זאלען זיין אביסעל מעהר פאלקסטימ-ליכער און זיך רעכענען מיט די וואונ-שען און געפיהלען פון די פאלקס-מאסען.

פיי-ווי זענען מיר צופרידען, וואס אויך ביי אונז אין טשענסטאכאוו האט זיך דער „ארט" ענדליך געריהרט פון ארט...

די יודישע „סטודענטען" האבען געמאכט באריקאדען...

אין היגען שטאדטישען בית-המדרש לערנען א גרופע בחורים. און היות ווי די עלעקטריע איז קאליע געווארען, האט זיי דער גבאי געגעבען ליכט, ביז די עלעקטריע וועט ווערען גע-פראכטען. זענען זיי דאך עפיס אנגע-שטעקט פון די היינטיגע סטודענטען, וועלכע ווילדעווען ביי יעדע קלייניג-קייט מיט זייער'ע בלאקאדעס און בא-ריקאדען, האבען אויך אונזערע היימי-שע בית-המדרש „סטודענטען" בעשלא-סען צו מאכען א רעוואלוציע מיט בא-ריקאדען.

אונטער דער אנפיהרונג פון הבחור ר' מלך'ל, וועלכער געהער צו דער בעוואוסטער „טעמפעראמענטפולער" משפחה, האט מען פערדרעהט די טי-שען, ארויסגעריסען די פענסטער צו-ווארפען די ספרים און געמאכט א חורבה. און אויף די ווענד האבען זיי אויפגעשריבען, אז זיי טרעטען אב פון בית המדרש צוליעב דעם, ווייל עס איז קאלט און פינסטער.

דער דאזיגער ווילדער טהאט פון די בית המדרש בחורים האט ארויסגע-רופען גרויס פערדרוס און פעראכטונג ביי אלע, וועלכע האבען אנגעקוקט צו וואס אונזערע אימשטיינס געזאגט תלמודיסטען זענען פעהיג, ווען זיי לאזען זיך פיהרען פון אונפעראנטווארט-ליכע לאבוזעס.

ווי אזוי די קהלה וועט רעאגירען אויף דער מעשה-נבלה, איז נישט בע-וואוסט; מסתמא וועט זי זיך איהר שטעדטיל בעשטעהן. מיר ווילען נאר פערצייכענען, אז מיר לעבען איבער א צייט, ווען ווילדקייט און הפקירות האט אנגעשפארט אפילו ביי די כותלי בית המדרש; אז דאס ווילדע גראז, וואס איז היינט געווארען ביי פעלקער און מלוכות א קולט, האט אויך דערגרייכט צו אונזער שטודירענדער תורה יוגענד און זיי פערוואנדעלט אין ווילדע מענ-שען.

דער דאזיגער העסליכער טהאט פון אונזערע בית-המדרש-בחורים מוז ביי יע-דען אנשטענדיגען מענשען ארויסרופען טרויעריגע רעפלעקסען.

לויתן

וואס איז און וואס וויל דער יווא?

פון ד"ר מ. וויינרייך

דער יווא איז נישט קיין איבערזעצונג פון חכמת היהודית אויף יוריט, אויף דער שפראך פון פאלק. אונזער שטאף איז די גאנצע גרויסע וועלט, און וואס העכער עס הויבט זיך דער ניווא פון די פעראינטערעסירונגען ביי דער יודישער מאסע, אלץ רייכער ווערט אונזער שטאף. אין דער פערספעקטיוו איז דער יווא די העכסטע וויסענשאפטליכע אינסטאנץ פון דעם גאנצען יודישען שפראך-קיבוץ איבער אלע לענדער, בכן אנ'אקאדעמיע, וואס נעמט ארום אלע צווייגען מענשליך וויסען. בלויז די בעגרעניצונג, וואס יעדער אנהויב פאדערט, האט געבראכט דערצו, אז דער יווא פערנעמט זיך דער עיקרשט מיט יודישע געביטען, ווארום דא דארף מען דער עיקר האבען און מען קען זיך קודם כל ריכטען אויף שפעפערישע אויפטהוען.

מיר ווילען אויספארשען, דאס הייסט מיר בעגנוגענען זיך נישט מיט דעם, וואס „עס איז קיין סוד נישט", אדער וואס „אלע וויסען", אז יודען מוזען אונטערגעהן אדער אז יודען וועלען קיין מאל נישט אונטערגעהן, אדער אז ארץ-ישראל איז די איינציגע פעראנטפערונג פון דער יודען-פראגע, אדער אז פאלעסטינא האט קיין שום בעדייטונג נישט פאר יודען. די אלע רייד קענען זיך זיין ריכטיג אדער פאלש, נאר זיי זענען נישט געבויט אויף פארשונג.

ווי ווייט מעגליך פלייסען מיר זיך צו דערקענען זאכען, נישט נאר אבצושאצען זיי אויפ'ן וועג. מיר ווילען דערקענען דאס לעבען, כדי עס זאל גרינגער זיין איבעראנדערשען עס אין די אינטערעסען פון די יודישע פאלקס-מאסען. אבער מיר ווילען ארבייטען מיט וויסענשאפטליכע מעטאדען. אוודאי טראגען מענשען אריין אפילו אין פארשונג זייערע אינטערעסען, סימפאטיעס און אנטיפאטיעס, אבער ביי אונז איז א יוד לכתחילה גערעכט דערפאר, ווייל ער איז א יוד, ביי אונז איז א פראלעטאריער נישט לכתחילה גערעכט אין דעם זכות פון זיין פראלעטארישקייט. אויף וויפיעל עס קען בכלל געמאלט זיין אביעקטיווקייט, אויף וויפיעל א מענש איז נישט געבונדען דורך זיינע אומבעוואוסטזיניגע גלוסטונגען און דערווידערס, ווילען מיר זיין אביעקטיוו, און מיר זענען זיכער, אז דווקא מיט דעם וועג דיענען מיר צום בעסטען די יודישע פאלקס מאסען, וואס פון זייערטוועגען איז דער יווא בעשאפען געווארען און וואס אין זייער זכות לעבט ער.

צום ערשטען מאל איז מיט אונזער יווא אויפגעקומען א יודישע וויסענשאפטליכע אינסטיטוציע, וואס איהרע ווינקעל-שטיינער זענען דער היינט און דער דא. ממילא איז קלאר, אז יודיש איז די שפראך פון אונזער ארבייט. סארא מהלך פון טשערנאוויץ ביז ווילנא! אויף אנדערע געביטען זענען מיר דורך די געשעהענישען אבגעווארפען געווארען אויף צוריק און דער עיקר איז אונז היינט אהן א שיעור שווערער אויפ'ן הארצען, ווייל מיר זעהען א סך קלארער די גוואלדיגע קאמפליצירטקייט פון לעבען. אבער אין פרט סיי פון אויספארשען די יודישע שפראך, סיי פון דערהויבען איהר געזעלשאפטליכע וואג איז דורכגעשפרייזט געווארען אזא מין מהלך, אז עס דוכט זיך, מיט הונדערט יאהר צוריק איז פארגעקומען די טשערנאוויצער קאנפערענץ. מיר היינט דיסקוטירען שוין נישט וועגען יודיש, מיר האבען שוין באלד פערגעסען די ארגומענטען, מיט וועלכע מען קען אויפווייזען, אז יודיש איז אויך א שפראך. אבער דורך דער עצם עקזיסטענץ אונזערער, דורך דעם כמות און נאך מעהר דורך דעם איכות פון אונזער אויפטהו, זענען מיר א פרידליך געוועהר, דאס שטארקסטע געוועהר אין די הענד פון די יודישע פאלקס-מאסען, וואס האבען נאך אין א סך לענדער צו קעמפען פאר דער יורידישער אנערקענונג און, לאמיר דאס מודה זיין אין אלע לענדער — פאר דער פולער געזעלשאפטליכער אנערקענונג פון דער יודישער שפראך.

אומגעהויער פיעל איז נאך געבליבען צו טהון. איינמאל, ווען איך בין געפאהרען אויף א טראנסאטלאנטישער שיף, איז די געזעלשאפט מיינע אין צווייטען קלאס כמעט בעשטאנען דורכאויס פון יודען. נאר יודיש איז געווען לא יזכר ולא יפקד. וועגען יודיש אין די אויפשריפטען פון דער ענגלישער שיף-קאמפאניע האב איך אפילו נישט געטראכט, נאר אט בין איך איינמאל אראב אין דריטען קלאס. מיטאמאל האב איך דערהערט יודיש און אויף די ווענד פון די קארידארען און קאבינעס האב איך דערזעהען יודישע אויפשריפטען. דעמאלס איז מיר געקומען דער געדאנק: אט די דאזיגע סיטואציע איז סימבאליש פאר דער לאגע פון יודיש. אונזער שפראך האט זיך דערשלאגען צו געוויסע פאזיציעס, אבער אין בעסטען פאל איז זי נאך א פאסאזשיר פון דריטען קלאס. דאס איז נישט קיין מעלה פאר א שפראך, דאס איז אנ'אומגליק, דאס איז די סכנה פון מנושמדיגקייט אין אויסדרוק פון ענגערע האריזאנטען ביי די רעדער פון דער שפראך. די יודישע וויסענשאפט, וואס איז ארגאניזירט אין ייווא איז איינער פון יענע הייבערס, וואס הויבען ארויף די יודישע שפראך און ממילא דאס יודישע פאלק אויף א העכערען שטאפעל פון דער משפחה פון שפראכען און פעלקער.

דער פלאן פון די היידיגע אינוועסטיציע-ארבייטען

אונטער'ן פארזיץ פון שטאדט-פרעזידענט שטשאדראווסקי איז פארגעקומען די ערשטע פערזאמלונג פון דער אינוועסטיציע-קאמיסיע, וואס איז אויסגעוועהלט געווארען דורכ'ן שטאדט ראט. די פערזאמלונג איז צונויפגערופען געווארען כדי ארומצורעדען דעם פראגראם פון די אינוועסטיציע ארבייטען אויפ'ן יאהר 1938.

אין דער פערזאמלונג האבען אנטייל גענומען די לאווניקעס שאסטעק און שוויענצקי, פארשטעהער פון די בעזונדערע ראטמענער-פראקציעס און דער נאטשעלניק פון דער שטאדטישער טעכנישער אבטיילונג אינזש. סטאניצוויטש.

פונ'ם רעפעראט פון אינזש. סטאניעוויטש איז צו זעהן, אז אין יאהר 1938 ווערט פראיעקטירט דער איבערבוי פון 6 קילאמעטער גאס אויף א בעסערע איבערפלאך, 7 קילאמעטער נייע גאסען, דאס לעגען בעטאן-טראטוארען אויף אייניגע גאסען, דאס בויען א נייע בעטאן בריק אויפ'ן טייך קוצעלינקא אויף מיראווסקא גאס, דאס בויען א מארק נעבען דעם שעכט-הויז און דאס בויען שטורם-קאנאלען אויף די דאזיגע גאסען, וואס האבען א בעסערע איבערפלאך.

די בעסערע איבערפלאך וועט ווערען געלעגט אין די צענטרום-גאסען. אונאבהענגיג דערפון וועט אספאלטירט ווערען די פילסודסקי גאס געגענאיבער דער באהן און אויך וועלען געלעגט ווערען אייניגע שמאלע פאסען אספאלט אויפ'ן נייעם מארק.

אויסערדעם וועלען הייי-יאהר געפיהרט ווערען רעגולאציע - ארבייטען אויפ'ן טייך קוצעלינקא. נאכ'ן אויפרעגולירען די קוצעלינקא וועט ערשט קומען די רייהע אויף דעם טייך קאנאפקא און סטראדאמקא און צום סוף — דיווארטא.

די הוצאות פון די דאזיגע ארבייטען ווערען פארגעזעהען אויף 1.700.000 זלאטעס, דערפון וועט 1 מיליאן געדעקט ווערען אין געלד-און מאטעריאל-דאטאציעס דורכ'ן ארבייטס פאנד.

די אינוועסטיציע - פלענער וועלען נאכ'ן ענדגילטיגען פעסטשטעלען דורכ'ן מאגיסטראט מיט דער קאמיסיע איבערגעשיקט ווערען צום שטאדט-ראט.

פון כשרות = געביעט

א גרויס פעראינטערעסירונג האט ארויסגערופען ביי דער היגער יודישער בעפעלקערונג די נייע תקנות פון ראבינאט וועגען עניני כשרות. אלע בעלי שמחות פון חתונות און ברית'ן שטעלען פאר אין ראבינאט בעשייניגונגען פון די שוחטים, קצבים אדער עופות הענדלער, וואו דאס פלייש איז געקויפט געווארען, אזוי אז די געסט קענען זיכער זיין, דאס זיי עסען כשר פלייש.

במשך פון דער לויפענדער וואך האבען זיך געמאלדען אין ראבינאט בעלי בתים, וועלכע זענען נכשול געווארען מיט עסען פלייש פון די טרפה'נע יאטקעס (אלעע 23 און דאמבראווסקי 1), צוליב די פלוג בלעטלעך אין דער יודישער שפראך, וועלכע די דאזיגע קצבים האבען פערשפרייט. דער ראבינאט האט דאס פלייש גע'אסר'ט און גע'פסק'נט צו צעברעכען די כלים. איינער פון די שאלה-פרעגער האט צובראכען טעלער פון א ווערטפולען סערוויס, גורם זייענדיג זיך א גרויסען שאדען. ווי עס געהען ארום קלאנגען האט א טייל פון די בעלי-בתים פערקלאגט די קצבים פאר ארייננפיהרען זיי אין א טעות.

עס איז דעריבער נישט צו פערשטעהען, אז טראץ דעם וואס עס זענען ארויסגעגעבען געווארען דורכ'ן ראבינאט אזוי פיעל אזהרות צו קויפען כשר פלייש נאר אין די קאנצעסיאנירטע יאטקעס, געפינען זיך נאך יודען, וועלכע זענען נישט נזהר פון מאכלות אסורות.

פייערליכע ערעפנונג פון ערשטען צושנייי-דער-קורס פון „ארט" פאר שניידער און שניידערינס

פערגאנגענעם זונטאג איז אין לאקאל פון האנדוערקער-קלוב פארגעקומען די פייערליכע ערעפנונג פון ערשטען צושניידער-קורס פאר שניידער און שניידערינס, ארגאניזירט דורך דער געז. „ארט" אין טשענסטאכאוו.

די פייערונג עפענט ד"ר ת. לעווקאוויטש און פערבעט אין פרעזידיום די ה"ה: פרעזעס ראזענבערג, דר. גייסלער, דר. טענענבוים, פרוי שטארקע, פרוי דראווא סארנע, ה. יאזשאמבעק און אנד.

אדוו. גאלדבערג גיט דאן אב א קורצען בעריכט פון דער טעטיגקייט פון דער צייטווייליגער פערוואלטונג פון „ארט".

אויפ'ן ערשטען שריט איז אנגאזשירט געווארען אלס אינסטרוקטאר דער בעוואוסטער צושניידער-ספעציאליסט ה' גאלדשטיין.

דיר. פזשיסוסקער בעגריסט די ערשטע טעטיגקייטס-שריט פון „ארט" און ווינשט ערפאלג אין איהר ווייטערדיגער ארבייט.

אינסטרוקטאר ה' גאלדשטיין האלט דאן אב די ערשטע טעארעטישע לעקציע, וואס ווערט אויסגעהערט, סיי דורך די פערזאמעלטע שילער און סיי פון דער גרעסטער צאהל פערזאמעלטע, מיט גרויס אינטערעס.

נעכטען, מיטוואך האט זיך אנגעהויבען די ערשטע לעקציע פון צושניידער-קורס, אויף וועלכער ס'האט זיך פערשריבען א גרעסערע צאהל שילער און שילערינס.

פון דער קאאפעראטיווער סוחרים- און פאבריקאנטען-באנק

ווי מיר דערוויסען זיך האט די דירעקציע פון דער קאאפעראטיווער סוחרים און פאבריקאנטען-באנק בעשלאסען צו פערקלענערן דעם צינז אויף דיסקאנטא פון 9 און א האלב פראצענט ביז-איצט ווערט היינט גערעכענט נאר 9 פראצענט.

Dr. med.
A. WOLBERG
choroby skórno - weneryczne
POWRÓCIŁ
i ordynuje od 4—7 po pcł.
Aleja Wolności № 13
II piętro tel. 13-67.

„באל אהן באל" פון „עזרה"

אזוי ווי אלע יאהר פיהרט דער פרויען-פעראיין „עזרה" אויך הייי-יאהר א זאמעל-אקציע א.נ. „באל אהן באל".

אזוי אבער ווי די נויט צווישען די ארימע שיכטען וואקסט פון טאג-צו טאג און די „עזרה" האט נישט די מעגליכקייטען צופרידען צו שטעלען די בעדערפנישען פון די ארימע קראנקע, וועלכע זי ערטיילט הילף, דארף די הינע געזעלשאפט ווי ווייט מעגליך זעהען צו שטיצען די אויבענדערמאנטע אקציע און אויפנעמען די דעלעגאטקעס פון „עזרה" בתשועת חן.

אנ'אינטערעסאנטער רעפעראט „ווי אזוי צו בעהאנדלען קונים"

זונטאג, דעם 16 יאנואר ה. י. האלב 4 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר אין אייגענעם לאקאל פון פעראיין, אלעע וואלנאשטשי 5—3, א פארלעזונג פון דר. סטאניסלאוו מאנדעלבוים פון קראקא א. ד. ט.: „ווי אזוי צו בעהאנדלען קונים".

דער רעפעראט וועט זיין אילופטרירט מיט ליכט-בילדער. איינטריט פאר מיטגלידער, זייער האנדעלס-און ביורא פערסאנאל, ווי אויך אייגעלאדענע געסט — אומזיסט.

די טעמא איז זעהר אקטועל און אינטערעסאנט אין דער היינטיגער צייט און וועט געוויס צוציהען א גרויסען עולם נייגיריגע.

דעלעגאט פון אינטערנאציאנאלען ארבייטס-ביורא—אין טשענסטאכאוו

מאנטאג, דעם 17 ד. ח. קומט קיין טשענסטאכאוו דער דעלעגאט פון אינטערנאציאנאלען ארבייטס - ביורא אין זשענעווא ה' ראט, כדי זיך צו בעקענען מיט דער טעטיגקייט פון ארטיגען ארבייטס-איבספעקטאראט און די בעדינגונגען, אין וועלכע ס'לעבען און ארבייטען די טשענסטאכאווער ארבייטער.

ס'איז אויך מעגליך, אז ה' ראט וועט בעת זיין 1-טאגיגען וויילען אין טשענסטאכאוו וועט ער בעזוכען אייניגע גרעסערע ארבייטס - אונטערנעהמונגען אין אונזער שטאדט.

קויהלען פאר ארבייטסלאזע

דער שטאדטישער בירגערליכער קאמיטעט פון ווינטער-הילף פאר ארבייטסלאזע האט אונטערגענומען ענערגישע בעמיהונגען, כדי צוצואיילען די קויהלען-טראנספארטען פאר די היגע ארבייטסלאזע.

די דאזיגע בעמיהונגען זענען געקרוינט געווארען מיט ערפאלג און די ארבייטסלאזע וועלען נאך היינטיגע וואך בעקומען פאר יאנואר צו 100 קילא קויהלען פאר א פאמיליע.

אין געגענזאץ צו אנדערע שטעדט, וואו קאוואלירען בעקומען צו 50 קילא, וועלען זיי אין טשענסטאכאוו בעקומען צו 100 קילא.

„אבעצע"-פערשפרייטער רופען ארויס אנ'אוואנטורע אויפ'ן נייעם מארק

נעכטען, ארום 12 א זייגער מיטאג, האבען זיך אין נייעם מארק פאר'ן הויז נומער 6, בעוויזען די „אבעצע"-פערקויפער אנאסטאזי קלאמא און אדאם געמביטש (זאוואדזיע, שלעפא-גאס 5) און גענומען אויסשרייען פערשידענע העצערישע אנטי - יודישע לאזונגען. אדורכגעהענדיג נעבען געוועלב פון ה' כתריאל קיפעלשיגלאווסקי האבען זיי פערטשעפעט און צושלאגען דעם אייגענטימער פון געוועלב און זיין איידעם. ס'איז ענטשטאנען אין מארק א מהומה און א פאניק.

ערשט די אנגעקומענע פאליציי האט ליקווידירט דאס געשלעג און איינקאסירט סיי פון די כוליגאנעס און סיי פון די יודען צו 2 זלאטעס שטראף-מאנדאטען.

אויסער די צוויי דערמאנטע כוליגאנעס האט זיך אינ'ם געשלעג בעטייליגט דער ענערגישסטער „אבעצע" - פערשפרייטער וולאדיסלאוו מאכינאווסקי, וועלכער וואוינט אינ'ם זעלבען הויז מיט די איבריגע כוליגאנעס. דער לעצטער איז געווארען ארעסטירט דורך דער פאליציי און איבערגעשיקט צום סטאראסטווע-געריכט.

דער מלוכה-פרעזידענט בעשטעטיגט דעם פראיעקט פון פאהן פאר'ן היגען ארטילעריע-פולק

דעם 16 טען דעצעמבער 1937 האט דער מלוכה - פרעזידענט בעשטעטיגט דעם פראיעקט פון פאהן פאר'ן ארטיגען ארטילעריע פולק, וועלכער איז איבערגעשיקט געווארען דורכ'ן פאהן-קאמיטעט.

אינ'ם לינקען ווינקעל פון פאהן וועט זיין דאס בילד פון דער „הייליגער בארבארא", אין רעכטען ווינקעל — דאס בילד פון „הייליגער מאטקא באסקא" און אונטען — דער טשענסטאכאווער שטאדטישער הערב און די פולק-אויסצייכנונג.

אויף די פליגלען פון קרייץ וועלען אויסגעהאפטען ווערען די אויפשריפטען: „קאוועל 12.9.1920, ווארשא 12.11.1918, לעמבערג 15.1.1919 און ווילנא 14.4 1919.

דאס איבערגעבען דעם פאהן וועט פארקומען אין אפריל אדער מאי.

א יודיש מיידעל איז גורם מיט איהר עדות-זאגען צו אנ'עקסמיסיע

עס איז מיר גראד אויסגעקומען צו זיין אנוועזענד אין געריכט און איך בין גבהל ונשתומם געווארען פון אנ'עקסמיסיע-פראצעס, ווי אזוי אנ'עדות, א יודיש מיידעל שיט אויף דעם יודישען לאקאטאר מיט אויסערגעוועהנליכער פערביסענקייט און א דאנק דעם בעקומט דער קריסטליכער ווירט אנ'עקסמיסיע אויף א יוד. און נישט נאר איך, נאר אפילו די אנוועזענדע קריסטען אויפ'ן זאל האבען זיך אנגעקוקט ווי נישט גלויבענדיג זייערע אויערען.

דער משפט איז פארגעקומען פערגאנגענעם דינסטאג. עס האט אנגעקלאגט דער קריסטליכער ווירט יוזעף וואלניצקי, פאניענסקא 8, אויף אנ'עקסמיסיע דעם יודישען לאקאטאר זינדעל ליביצקי.

דער מאטיוו איז געווען, ווייל רער יוד האט איהם בעליידיגט.

עס זענען ארויסגעטרעטען פון ביידע צדדים פאלגענדע עדות שכנים די קריסטען: פיאטר זאדווארני, סטאנ. קוכארטשיק, וולאד. זאדווארנא. די יודען: פייוועל פאוולאוויטש, די פרוי חנה קושעפיצקא און דאס פריילין מרים ראווסקא.

אויפער דעם ערשטען קריפט וואס האט געטענה'ט, אז בלויז דאס איינע מאל וואס ער האט געהערט ווי דער יוד האט בעת א סכסוך וועגען א בוידעם אויסגעשריגען אויף דעם קריסט, האבען די איבריגע קריסליכע עדות, אזוי גוט ווי די יודישע, פערזיכערט, אז ליביצקי איז א גאנץ רוהיגער און ארנטליכער לאקאטאר. בלויז דאס יודישע פריילין האט אויסגערעכענטען א גאנצען לעקסיקאן פון געמיינע אויסדריקען מיט וועלכע דער יוד האט זיך בעצוצט געגען דעם ווירט און ווירטין, אונטערשטרייכענדיג, אז אזעלכע אוואנטורעס און קריגערייען מצד דעם יוד קומען פאר גאנץ אפט.

דער אדוואקאט לעווקאוויטש האט אין זיין פערטיידיגונגס-רעדע זיך אבגעשטעלט ווי אזוי איז דאס מעגליך, אז אין אזא קליין הייזעל, וואו אזוי פיעל לאקאטארען וואוינען, ווי אזוי איז מעגליך, אז קיינער פון די לאקאטארען זאל דאס נישט האבען געהערט אויסער דאס פריילין.

דער סאנד האט ארויסגעטראגען אנ'עקסמיסיע-אורטייל פון 1-טען קוויטשען.

א. מ—ס.

פונ'ם יודאאיסטישען אינסטיטוט

מאָרגען שבת פונקטליך 3 א זייגער נאכמ. קומט פאָר א מסבת עונג שבת מיט דער באַטייליגונג פון ד"ר גרשון שאַפער, וועלכער וועט רעפערירען א. ד. ט.: „דער קאַמף פאַר דער יודישער גלייכבערעכטיגונג".

„פון יבנה ביז'ן הר הצופים"

דאס איז די טעמע, אויף וועלכער עס וועט איבערמאָרגען, זונטאג, ד. 16 ה. ח. 5.30 א זייגער נאכמיטאג רעפערירען אין פאָרלעזונגס-זאַל פונ'ם יודאאיסטישען צענטער דער בעריהמטער יודישער געלעהרטער פראָפ. ד"ר מאיר באַלאַבאַן.

דער דאָזיגער רעפעראַט האט ארויסגערופען א גרויסע פאראינטערעסירונג אין אונזער שטאדט.

אלגעמיינע פערזאמלונג פון האנד-ווערקער-פערבאַנד

שבת, דעם 15-טען ד. ח. פונקטליך 6 אָוענד קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל אלעע 12, די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון האנדווערקער-פערבאנד מיט'ן געהעריגען טאג-ארדנונג.

אלע מיטגלידער דאַרפען אנטיילנעמען אין דער דאָזיגער פערזאמלונג.

פון קולטור-קרייז ביים „באַראָכאָוו-היים"

דער ניי געשאַפענער קולטור-קרייז פון ארבייטענדען ארץ ישראל, האט — ווי עס איז געווען פאָרגעזעהען — זיך ערווארבען די געהעריגע סימפאטיע ביי אלע שיכטען פון דער יודישער יוגענד.

די קולטור קאָמיסיע האט זיך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט א רייהע אינטעלעקטועלע פערזענליכקייטען, וועלכע האבען פערשפראָכען זייער סימפאטיע און מיטארבייט מיט'ן איינציגען „קולטור-קרייז" אין אונזער שטאדט.

גרויס אינטערעס האט ארויסגערופען דער פאָרטראָג פון ה' ד"ר שאפער וואס קומט פאָר היינטיגען שבת, ד. 15 ד. מ. 6 א זייגער אווענד אין לאָקאַל פון „באָראָכאָוו היים" פילסודסקי 17.

נדבות פאַר דער געז. „תומכי עניים"

ה' משה פערלמאַן צו דער בר-מצוה פון זיין זוהן 10 קילאָ ברויט.

ה' משה אייזנער 5 קילאָ ברויט.

ה' מאיר קאָרנבראָם צו דער יאהרצייט פון זיין מוטער 5 קילאָ ברויט.

ה' ד. פראָשקעווימש צום געזונד ווערען פון זיין פרוי 20 קילאָ ברויט.

ה' משה כהן צו דער יאהרצייט פון זיין מוטער 2 זל.

ה' משה מייעראָוויטש צו דער יאהרצייט פון זיין שוועסטער 5 קילאָ ברויט.

וויפיעל שרפות איז געווען אין טשענסטאָכאָוו אין יאָהר 1937

אין משך פון פערגאַנגענעם יאָהר איז אין אונזער שטאָדט געווען בסך-הכל 55 שרפות. אויסער דעם זענען די פייערלעשער צוויי מאל ארויסגערופען געוואָרען צוליב פאלשע אַלאַרמען.

אויך דער בילאַנס פון די שרפות איז אין דער צאָהל אויסגעפאלען גרעסער, ווי אין יאהר 1936 — זענען אבער די היזקות און פערנעהם מון די שרפות אויסגעפאלען פיעל גינסטיגער.

אין משך פון פערגאנגענעם יאהר איז נישט געווען קיין גרעסערע שרפה, אויסער אין קינדערמאַנ'ס פאבריק.

די באַהן צושמעטערט אַ שליטען און פערוואונדעט דאָס פערד

דער משאות צוג פון טשענסטאָכאָוו קיין לאָדז איז צווישען פאַריי און מישקאָוו ארויפגעפאָהרען אויף א שליטען, וואס איז אָנגעפיהרט געוואָרען דורך דעם 48 יעהריגען וולאדיסלאוו וויעשמשיק פון דאָרף וויסאָקאָ.

פאָהרענדיג שנעל, האט וויעשטשיק נישט געלעגט קיין אַכט ביים דורכפאָהרען דעם פּזשעיאַזד. אין דער לעצטער מינוט, ווען ער האט דערזעהען דעם צוג, האט ער געפרובט שנעלער אדורכצופאָהרען די שינעס, אבער די לאָקאָמאָטיוו איז מיט דער גאַנצער קראַפט ארויפגעפאָהרען אויפ'ן שליטען, אוועקשלייערענדיג איהם צוזאמען מיט'ן פערד. דער פוהרמאַן וויעשטשיק און זיין פּאַסאַזשיר, דער 40 יעהריגער יוזעף טשיכי, זענען ארויסגעפאלען פון שליטען אין דער לופט און שטארק פערוואונדעט געוואָרען.

די פערוואונדעטע זענען איבערגעפיהרט געוואָרען אין שפיטאַל אריין קיין זאַוויערטשע. דאס שווער פערוואונדעטע פערד איז דערשאָסען געוואָרען.

דער קאָנצעסיאָנירטער עלעקטראָמעכאַניקער
ה. קינרוס, 1-טע אלעע 6

נעמט אָן אלערליי רעפעראַציעס פון וואָרים - אפּאראַטען, ווי: פרעס-אייזענס, קיכלעך, עלעקטרישע קישענס, ווי אויך מאָטאָרען.

אַ גרויסער אויסוואהל פון וואָרים רעהרען צו גאלוואנישע צוועקען.

בעמערקונג: מיין פירמע האט נישט מעהר קיין שייכות צו דער פירמע „עאַג".

פער'משפט אַ כוליגאַנישען דראָזשקאָזש

דעם 20 ווזשעשען פ. י. ארום 8 א זייגער אָוונד איז א דראָזשקאָזש אדורכגעפאָהרען אויף דער מיראָווסקא גאַס נעבען דער גאַרנצאַרסקא און מיט דער בייטש עטליכע מאל א שמיץ געטהון דעם דורכגעהענדען 70-יעהריגען צדוק וועלטמאַן. דער אומגליקליכער וועלטמאַן האט זיך פערגאָסען מיט בלוט און אין רעזולטאַט פערלוירען די ראיה אויפ'ן רעכטען אויג.

דער דיזשורירענדער פאָליציאַנט האט צופעליג אויפגעכאַפּט דעם נומער פון דראָזשקאָזש, וועלכער איז אין דער זעלבער צייט אדורכגעפאָהרען נעבען דער אלטער שוהל. דאס איז געווען די דראָזשקע נר. 65. דער אייגענטימער פון דער דראָזשקע מאָדזשיסקי האט ערקלערט, אז דעם זעלבען טאָג האט ער אויף דער שטאָדט ארויסגעשיקט זיין ארבייטער יאַן זיגמונט ברענזעל.

אין רעזולטאַט דערפון איז ברענזעל אוועקגעזעצט געוואָרען אויף דער בעשולדיגונגס באַנק פון קרייז-געריכט טאר גורם זיין א שווערע קערפער-בעשעדיגונג.

דאס געריכט האט ברענזעל'ן פער'משפט אויף 1 יאהר תפיסה.

זעלבסטמאָרד פון אַ בעלגישען בירגער אין טשענסטאָכאָוו

דעם לעצטען זונטאג אין די נאָכמיטאג-שעה'ן האט מיט א רעוואָלווער-קויל זיך גענומען דאס לעבען דער לאַנגיעהריגער פאבריקס-אנגעשטעלטער לייטער פון איינקויפס ביוראָ פון דער פאַבריק „פעלצער", אָסקאַר סימאָן, אין עלטער פון 48 יאָהר.

די מאָטיווען פון זעלבסטמאָרד זענען זעהר רעטזעלהאַפט.

דער פערשטאָרבענער האט ארויסגעוויזען א שטאַרקע גייסטיגע דעפרעסיע.

Szkoła Koedukacyjna i Przedszkole
im. ZOFII WAJNSZTOKÓWNY

w Częstochowie, Aleja 20, tel. 10-78.

przyjmuje zapisy nowowstępujących na II półrocze do wszystkich klas. Do PRZEDSZKOLA przyjmuje się dzieci od lat 3-ch

פאַר אַ גאַנז — 1 יאָהר תפיסה

טרויריג האט זיך געענדיגט דער נאָכט אויספלוג פון די איינוואוינער פון דאָרף ווילקאָוויצקאָ, פיאָטר טשאָפּאָ און יוזעף ניעזגאָדאָ.

ביידע שפעטערדיגע חברים פון דער בעשולדיגונגס באנק זענען אוועק אויף יאָגד נאָך פרעמדע גענז אויף פרעמדע הויפען. כדי נישט צו מאכען קיין גערודער מיט'ן שיסען, האבען זיי צוויי גענז אויפגעכאַפּט אויף ספּעציעל-צוגעגרייטע האקעס.

דער אייגענטימער פון די גענז האט אבער בעצייטענס בעמערקט די אַמאַטאָרען פון ביליגע גענז און מוריע געווען דער פּאָליציי.

לויט'ן געוועהנליכען נוסח איז דער ענין דערנאָך אריבער אין געריכט, וואו ביידע אנגעקלאגטע זענען פערמשפּט געוואָרען צו 1 יאהר תפיסה.

די אנגעקלאגטע האבען אפּעלירט נעגען דעם אורטייל פון דער ערשטער אינסטאַנץ, אבער די צווייטע אינסטאַנץ האט דעם אורטייל בעשטעטיגט.

פאר פיאכר טשאָפּלא איז דער אורטייל פון 1 יאהר געווען א לייכטע סענקציע, ווארום ביז איצט איז ער כסדר 8 מאל פערמשפּט געוואָרען צו 8 תדשים תפיסה, ערשט די צוגעגעבעטע גאַנז האט אריינגעבראַכט א פערשידענאַרטיגקייט אין טשאָפּאַ'ס קאַרטאָטעקע.

פאַר שטעלען אַ ווידערשטאַנד בעת'ן אויספיהרען די דינסט

וואַלעריאַ קלוזאָ, די איינוואוינערין פון מיקאָוב האט געשטעלט א ווידערשטאַנד דעם פלייש קאָנטראָלער, וועלכער איז אין דער בעגלייטונג פון א פּאָליציאַנט געקומען צו איהר אין וואוינונג קאָנטראָלירען, צי דאס פלייש שטאמט נישט פון געהיימער שחיטה.

דאס געריכט האט קלוזא'ן פערמשפּט אויף 1 חודש אַרעסט, אָבלעגענדיג דאס אויספיהרען די שטראָף אויף 3 יאהר.

אַ נייער אָקופּאַציע - שטרייק

אין די טישלער-ווארשטאַטען „יאָס-קרוב", וואס בעשעפטיגט 50 אַרבייטער, איז אויסגעבראָכען אַן'אָקופּאַציע שטרייק. דער קאָנפליקט איז ענטשטאנען צוליב'ן בעפרייען דורך דער דירעקציע 3 אַרבייטער, וועלכע האבען זיך נישט צוגעפאַסט צום פאַבריקס-רעגולאַמין.

די טאַרטאַק-אַרבייטער האבען פערלאַנגט צוריק צוצינעמען די אָבגעזאָגטע אַרבייטער און בעקומענדיג אַן'אָבזאָג — האבען זיי אָנגעהויבען אַן'אָקופּאַציע-שטרייק.

אַ פּאַרפּאַל אין לייכטער, ווי צו בעקומען ענטשעדיגונג

אין געגענזאַץ צו די קלאַנגען וועגען פאַנטאַסטישע ענטשעדיגונגס - סומעס, וואס ס'האבען שוין אָבגענומען די געליטענע פון דער טרויריג בעריהמטער קאַטאַסטראָפע מיט'ן לוקס - טאַרפּעדאָ הינטער טשענסטאָכאָוו, ווערט מיטגעטיילט, אז קיינער פון די געליטענע היגע איינוואוינער, האט קיין ענטשעדיגונג נישט בעקומען.

די באַהן-מאַכט בעטראַכט זעהר גענוי אלערליי רעכנונגען פאר די היילונגס הוצאות, קוועסטיאָנירט די נויטווענדיגקייט פון די רייזעס קיין אויסלאַנד א.א.וו. איינער פון די געליטענע, דער בעקאַנטער היגער אַרטיסט טאַדעאוש קראַפּקע האט זיך — ווי מ'דערצעהלט — געטראָפען מיט'ן אַרגומענט, אז ער איז פולשטענדיג געזונד ארויס פון דער קאַטאַסטראָפע, ווייל ער שפּילט ווייטער אויף דער סצענע.

לויט אלע וואַרשיינליכקייטען וועט קומען צו א רייהע אינטערעסאַנטע פּראָצעסען וועגען ענטשעדיגונג פאר די געליטענע פּאַסאַזשירען.

באָקס-מעטש „מכבי" — „גורדיה"

זונטאג, דעם 16 טען ד. ח. קומט פאָר דער לאַנג ערווארטעטער באָקס-מעטש צווישען דעם היגען „מכבי" און סאָסנאָוצער „גורדיה". דער מעטש זעהט פאר צו זיין אינטערעסאַנט צוליב דעם וואס ביידע מאַנשאַפטען טרעטען ארויס מיט זייערע בעסטע קרעפטען.

עס איז צו האָפען, אז די היגע באָקס ליבהאָבער וועלען צאָהלרייך בעזוכען דעם אינטערעסאנטען מעטש.

אונזערע פערוו. מיטגלידער און סעקרעטאר **זאב גרין** מיט פרל. **אסתר בעסער** צו זייער פערלאָבונג ווינשט גליק און צופרידענהייט

פערוואלטונג פון נאָדעל-צעך ביים האנדווערקער-פעראיין

מיין פריינד **זאב גרין** צו זיין תנאים-שרייבען פיעל גליק ווינשט

בער ראָזענבויב.

אונזערע פריינד **איצעק קינד** און **פאמיליע**, לאדז צום חתונה-מאכען פון זייער יונגסטע טאכטער **סאַלאַ** מיט ה' **י. לעווקאָוויטש** פיעל נחת און פרייד, דעם יונגען פּאָר א גליקליכעס צוזאמענלעבען ווינשען

יוסף שאַיאָ און פרוי, וויעלון.

יעקב פרישמאַן — רחל בראָם

פערלאָבט

וויעלון, אין סטיטשען 1938.

אונזער חבר **יעקב פרישמאַן** צו זיין תנאים-פייערונג מיט פרל. **רחל בראָם** ווינשען מיר פיעל גליק און צופרידענהייט.

דוד בער כלאַפּאַק, חיים דאַווידאָוויטש יעקב קאַניארסקי.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער חבר **יעקב פרישמאַן** מיט **רחל בראָם** א גליקליכע צוקונפט ווינשען

גבריאל קאַניארסקי, יואל קאניארסקי, מנדיל גאד.

מזל-טוב און פיעל נחת ווינשען מיר דער פאַמיליע **פרישמאַן** צו דער פערלאָבונג פון זייער זוהן **יעקב** מיט פרל. **רחל בראָם.**

דעם פערלאָבטען פּאָר — א סך גליק.

בעריש כמורא און פרוי, כתריאל בראם און פאַמיליע.

מזל-טוב דיר חבר **יעקב פרישמאַן** צו דיין פערלאָבונג מיט פרל. **רחל בראָם**

יעקב סולמיערסקי, מאָטעק בזשעזשינסקי, שמואל רוזשעוויטש.

ברכות לבביות לחברנו חבר ועדת ביתר-הצה"ר בוילון **יעקב פרישמאן** לבואו בברית האירושין עם העלמה **בראם** תזכו לבנות בית נאמן לעם ישראל ומולדתו

ועדת ברית הצה"ר, ועדת ברית קת"ח.

לעזט אויפמערקזאם!!!

די גוט = בעקאנטע קויהלען = פירמע פון י. וויינבלום, יאסנאָגורסקא 21

מאכט בעקאנט, אז זי האט געעפענט

א קויהלען=סקלאד אויף אלעע וואָלנאַשטשי 41

וואו ס'ווערט פערקויפט אין הורט און דעטייל קויהלען פון דער בעסטער גרובע „Juljusz Kazimierz", אהיים ווערט געשיקט קויהלען פון איין קערץ אָן. בעשטעלונגען ווערען אויך אָנגענומען דורכ'ן טעלעפאָן נר. 13-36. ווי אויך דורכ'ן פּריוואַט-טעלעפאָן נר. 17-01.

פרייזען — מעסיגע.

שבת, ד. 15 יאַנואַר 1938 י. 5 א זייגער אָוענד אין ערשטען טערמין און 6 אַ זייגער אָוענד אין צווייטען טערמין אין אייגענעם לאָקאַל

קומט פאָר

די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג
פון האַנדווערקער=פערבאַנד.

טאָג-אָרדנונג: 1) ערעפנונג; 2) וואהלען פון א פּאָרזיצער און פּרעזידיום; 3) לעזען דעם פאָריעהריגען פּראָטאָקאָל; 4) טעטיגקייטס בעריכט; 5) קאָסע-בעריכט; 6) בודזשעט אויפ'ן יאהר 1938; 7) וואהלען פון 11 פערוואַלטונגס-מיטגלידער; 8) וואהלען פון א רעווידיר-קאָמיסיע; 9) וועגען די אויסגעשלאָסענע מיטגלידער; 10) פרייע פאָרשלאָגען.

די פערוואַלטונג.

אויפפאָדערונג

אלע בית המדרש בחורים, סיי די, וועלכע בעזיצען נאָסגעמאַכטע שליסלען, מיט וועלכער זיי האבען ארויסגענומען די ספרים, סיי די, וועלכע האבען שליסלען צו די שענק, ווי אויך צום איינגאַנג, ווערען אויפגעפאָדערט אין משך פון דריי טאג די שליסלען צו בעלייגען אויף מיין האַנד (קאַטעדראַלנע 9), אין נעגענטפאַל וועל איך זיין געצוואונגען צו ציהען די אלע צו פעראַנטוואָרטליכקייט.

מיט דרך ארץ

ה. שפאַלטען, קאטעדראַלנע 9.

אַנ'אַקציע לטובת „ייוואָ" אין טשענסטאָכאָוו

אין שייכות מיט דער אַקציע פאר דעם ייוואָ אין טשענסטאָכאָוו, ווייל אין אונזער שטאָדט דער בעוואוסטער פּעדאַגאָג און געזעלשאַפטליכער טהוער, מיטגליד פון דער פערוואַלטונג פון דער געז. „פריינד פון ייוואָ אין ווארשא" ה' יהושע ברוידע.

א מעבלירט צימער

מיט א בעזונדערען איינגאַנג שוין צו פערדינגען

ערקונדיגען אין דער רעדאקציע אלעע 6.

Kino „LUNA"

די קעניגין פון פוילישען עקראַן

סמאָסאַרסקאַ

און דער אַמאַנטען - קעניג

בראָדניעוויטש

אין דער היסטאָרישער אַנעקדאָטע

Ułan Księcia Józefa

אין די איבריגע ראָלען: קאָנטי, שעלאָנסקי, פערטנער, קאָנטי א. א.

KINO „EDEN"

מאַרלענאַ דיטריך ראָבערט דאָנאָט

אינ'ם מיטרייסענדען פילם

Hrabina Wladinow

אין די סיבירער וועלדער און וויסטעניישען איז געשאַפען געוואָרען דאס דאָזיגע קונסטווערק.

Lekarz-Dentysta

Henryk Lejzerowicz

przeprowadził się

na ul. **Aleja 32 m. 3**

telef. 17-57.

Kino-Teatr „STYLOWY"

Aleja 27.

דראַמא פון אַנ'אונערפאָהרענער מיידעל

ZBUNTOWANA

אין דער טיטול-ראָל

קאַטאַזשינאַ העפבורן

און **הערבערט מאַרשאַל**

שבת און זונטאג מיטאג

Bohaterowie Morza

Redaktor i wydawca: B.Bocian • Druk B. Bocian, Aleja 6